№ 4 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשן. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Biblj. Jagiellońska Kraków św. Anny 19

Piątek 24 stycznia 1936 | ליכט-צינדען 3.52 | פרייטאג, פ׳ וארא כ״ט טבת תרצ״ו

Podziękowanie.

Niniejszem przesyłamy W. P. Dyr. A. Goldbergowi, właśc. kino-teatru „Luna" wyrazy prawdziwego podziękowania za ofiarowane 100 kg. chleba na rzecz naszej instytucji.

Zarząd T-wa Pomocy Biednym
„TOMCHAJ ANYIM".

בעקאנטמאכונג.

מיר טיילען מיט אונזער געעהרטע קונדשאפט, אז די
מלעטשארניע „נאביאל", אלעע 37
ווערט איבערגעטראגען
און וועט זיין טעטיג אין די נעכסטע טעג אין הויז
אלעע 30 אין טויער.
מיט אכטונג: געבר. שטרויס.

דאנקזאגונג.

אונזער איניגסטען דאנק דריקען מיר אויס די זעהר געעהרטע דאקטוירים ה״ה באטאוויא, פאלק און ווייסבערג ווי אויך די פיעלענגע׳יארקעס פריילינס טעמער און געווערצמאן פאר זייער אנשטרענגונג אין דער צייט פון אונזער קינד׳ס האלז-קראנקהייט. אלס אויסדרוק פון דאנקבארקייט שפענדען מיר 10 קילא ברויט פאר דער געז. „תומכי עניים".

פאמיליע מיטעלמאן.

Szkoła tańców baletm. Kosteckiego

ul. Waszyngtona № 6.

Zapisy na kursy, lekcje pojedyńcze codziennie. Udzielam lekcji w zakładach naukowych i domach prywatnych. Ostatnie nowości.

אכטונג: יעדען שבת קומט פאר א פראקטישע לעקציע פאריודישע געזעלשאפט. אנהויב 8 אוו. 1-קלאסיגע מוזיק

---

12 גר. קאסט קראגענס מיט לאנג - דויערענדען שפיגעל-גלאנץ | 50 גר. קאסט א העמד

אויך נעמען מיר אן כעמיש צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.

ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס 2) דעשאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן ארט

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

את צערנו הגדול הננו מודיעים ברבים על מות קברניט הספינה של קהלתנו

הרב חנוך העניך סרעברניק זצ״ל

ומביעים רגשי השתתפות בצערה הגדול של משפחתו.
בשם מתפללים בית-המדרש דפה וילון
הגבאי איטשל ערליך.

בלב שבור הננו מביעים את צערנו הגדול על מות נשיא הכבוד של מוסדנו

הרב מו״צ חנוך העניך סרעברניק זצ״ל

האיש החכם והנעלה ובעל לב רגש שחש תרופה ומזור לכל מרי נפש.
בשם החברה „הכנסת אורחים" ו„מעות עניים" דפה וילון
הנוך העניך יאיכמאוויטש, עוזר אוברבוים, יוסף שאיא.

טיעף געריהרט צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער פעטער

יוסף חיים מאדאוויטש ז״ל

דריקען מיר אויס אונזער צער און מיטגעפיהל דער פאמיליע מאדאוויטש.
יודל רינג און פרוי.

מלאי צער ויגון על מות ידידנו הרב מו״צ בעירנו

חנוך העניך סרעברניק זצ״ל

האיש שנזדווגו בו רוח גדול ולב רגש
הננו מביעים את השתתפותנו בצער משפחתו שנתיתמה
ברוך יעקב זעלקאוויטש ומשפחתו וויעלון.

גם אנחנו משתתפים בצער
שלמה לאסמאן ורעיתו.

צו דער חתונה פון אונזער ליעבע טאכטער
שרה עלסטער מיט ה׳ הירשל קליין
וועלכע איז פארגעקומען זונטאג, ד. 19 יאנואר אין טאראנטא—קאנאדא
ווינשען מיר זיי פיעל גליק און א בליהענדע צוקונפט.
עלטערן און געשוויסטער עלסטער.

ב״ה

דוד כהן (עובדי׳ הכהן) — לאה וואלמאן

נשואים

טשנסטחוב — ורשא כ״ב טבת תרצ״ו.

NATALJA WELGRYN — ADOLF FRYDMAN

ZARĘCZENI

Częstochowa, w styczniu 1936 r.

Z okazji zaręczyn koch siostrzeńca naszego ADKA FRYDMANA z panną NATALJĄ WELGRYNÓWNĄ życzymy szczęścia Narzeczeństwu, a Rodzicom pociechy

IZAAKOWIE ZANDSTEIN

צו די תנאים פון אונזער פריינד אברהם פרידמאן מיט פרל. נאטאליא וועלגרין
אונזערע הארציגסטע ברכות
ישראל קויפמאן, מרדכי סולקאווסקי.

Z intencji zaręczyn
p. ADOLFA FRYDMANA z p. NATALJĄ WELGRYNÓWNĄ
wiele szczęścia i pomyślności życzą

SZAJOWIE JELEŃ.

מענדעלע-קאמיטעט ביי דער אלגעמיינער ארב.-ביבליאטעק אין טשענסטאכאוו

הייגט, פרייטאג, ד. 25 יאנואר 8 אווענד
אין פייערלעכער-זאל קומט פאר א גראנדיעזע

פייערליכע אקאדעמיע

לכבוד דעם 100-טען געבורטסטאג פון **מענדעלע מוכר ספרים.**

פראגראם: 1) פייערליכע ערעפנונג. 2) רעפעראט וועגען מענדעלען פון בעקאנטען ליטעראטור-קריטיקער נחמן מייזיל (רעד. פון די „ליטערארישע בלעטער") 3) רעציטאציעס און פראגמענטען פון מענדעלע׳ס ווערק דורכ׳ן קינסטלער זשאק לעווי. 4) קאנצערט-טייל: גערואנג—י. ריכטער פידעל—ה. זאמערפעלד. ביים קלאוויר: פרוי ט. קאפינסקא.

בילעטען-פארפערקויף אין דרוק. פון ה׳ באטשאן און ביים איינגאנג פון 6 אווענד

קינא „לונא"
נאר 1 אויפטריט
פון די וועלט-בעריהמטע אפערעטען-קינסטלער

וויערא קאניעצווסקא
פאול
ברייטמאן

עס ווערט געגעבען די מעלאדישע אפערעטע אין 3 אקטען מיט א פראלאג און עפילאג

די קאבארעט-זינגער

ערשטקלאסיגער ארטיסטען-צוזאמענשטעל

אייגענער ארקעסטער — 20 מעלאדישע נומער׳ען

מאנטאג, ד. 27 ד. ח. 9-30 אווענד.

בילעטען אין פארפערקויף אין דרוק. פון ה׳ באטשאן — אין טאג פון דער פארשטעלונג אין דער קאסע פון קינא לונא.

צו דער בעקוועהמליכקייט פון די געעהרטע קונדען!

האבען מיר געעפענט א פראנט-געוועלב
אויף נארוטאוויטשא № 19-23

דאו ס׳געפונט זיך א גרויסער אויסוואהל פון אלערליי

וויענער מעבעל, געבויגענע מעבעל

הורט און דעטייל. — א. ד. גל. — געגויע פאבריקס-פרייזען.

FABRYKA MEBLI GIĘTYCH

D. SZMULEWICZ i S-ka

Częstochowa, Narutowicza 19-23.

ZAWIADOMIENIE.

Niniejszem zawiadamiamy, że p. **Maurycy Fiszof,** zamieszkały w Częstochowie przy ulicy Berka Joselewicza 9, nie jest już naszym ajentem i nie ma prawa załatwiać dla naszego Towarzystwa żadnych spraw, ani uskuteczniać inkasa.

Zarząd T-wa Ubezpieczeń
„EUROPA"
Spółka Akcyjna w Warszawie.

א הארציגען מזל-טוב אונזערע פריינד זאב און פאלא לעווקאוויטש צום געבורט פון זייער זוהנדעלע. זאל ער אייך גרינג דערצויגען ווערען.
יעקב שאיא און פרוי, יוסף שאיא און פרוי

א הארציגען מזל-טוב און א גרינגע ערציהונג ווינשען מיר אונזער געעהרטען שותף זאב לעווקאוויטש און פרוי צום געבורט פון זייער זוהן
תזכו לגדלו לתורה לחופה ולמע״ט.
מיטאינהאבער פון „מלין ספולקאווי" אין וויעלון.

אונזער שוועסטער און שוואגער ווינשען מיר פיעל גליק און א גרינגע ערציהונג צום געבורט פון זייער זוהן
יצחק הערשבערג און פרוי.

אונזערע פריינד פאלא און זאב לעווקאוויטש פיעל גליק און א גרינגע ערציהונג צום געבורט פון זייער זוהן
פייוויש סקושיניא און פרוי, אשר מענדלעוויטש און פרוי

אונזערע פריינד פאלא און זאב לעווקאוויטש
א הארציגען מזל-טוב צום געבורט פון זייער זוהן. זאל ער אייך גרינג ערצויגען ווערען.
פנחס נערשאנאוויטש און פרוי,
יחיאל מאיר יאקובאוויטש און פרוי.

פריידע אראנאוויטש
לייב אבראמאוויטש
פערלאבט
וויעלון אין יאנואר 1936 י.

מזל-טוב מיין פריינד לייב אבראמאוויטש צו זיין פערלאבונג מיט פרל. פריידע אראנאוויטש
הירשל ווישניא און פרוי.

צו די תנאים פון אונזער ברודער און שוואגער לייב אבראמאוויטש מיט פרל. פריידע אראנאוויטש ווינשען מיר פיעל גליק און אייביגע צופרידענהייט
זינדל אבראמאוויטש און פרוי

א הארציגען מזל-טוב אונזער ברודער און פריינד לייב אבראמאוויטש צו זיין פערלאבונג מיט פריידע אראנאוויטש
ליפמאן אבראמאוויטש, רוזשקא לעווקאוויטש

מיין פריינד און קונדע לייב אבראמאוויטש א הארציגען מזל-טוב צו זיין פערלאבונג מיט פרל. פריידע אראנאוויטש
פריזיר-אנשטאלט ח. א. באראקס.

מזל-טוב און פיעל גליק אונזער שוועסטער און שוועגערין פריידע אראנאוויטש צו איהר פערלאבונג מיט ה׳ לייב אבראמאוויטש
בענדעט אראנאוויטש און פרוי.

צו די תנאים פון פרל. פריידע אראנאוויטש מיט ה׳ לייב אבראמאוויטש ווינשען מיר פיעל גליק און די עלטערן פיעל נחת.
דוד כלאפאק און פרוי.

אונזער פריינד ה׳ לייב אבראמאוויטש צו זיין פערלאבונג מיט פרל. פריידע אראנאוויטש ווינשען מיר פיעל גליק און צופרידענהייט.
ביילה בראט, הירשל פאוולאוויטש

פירמע וו. שפיגעלמאן

עגזיסטירט פון יאהר 1887

טשענסטאכאוו, 1-טע אלעע 8 №

מאכט בעקאנט דער געעהרטער קליענטעלע, אז פון 1 לוטי ה. י. ווערט דאס

געשעפט איבערגעטראגען אין א נייעם לאקאל
1-טע אלעע 14 №

איך עמפפעהל זיך ווייטער דער ג. קונדשאפט — מיט אכטונג
ראמאן שפיגעלמאן 1 אלעע 8.

הורט — דעטייל

ווייסע וואר

עס האט זיך שוין אנגעהויבען דער פערקויף
פון זשירארדאווער, שייבלער׳ס, גראהמאנ׳ס ווייסווארען און אלערליי מאנופאקטור-סחורות
פעסטע פרייזען. — פאר סוחרים א ספעציעלער ראבאט.

ליפא פירשטענבערג, נייער מארק 3.

אין קאַמף פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט.

אַ סך יאהרען שוין שטעהען די יו-דישע פאָרשטעהער אין קאַמף פאַר אָנערקענען אונזערע רעכט אלס נאַצי-יאָנאַלער קבוץ. טויזענדער מכשולים ליגען אויפ'ן וועג צו דער דאָזיגער דערגרייכונג, אָבער דאָס נאַציאָנאַלע יודענטום שטעהט נישט אָב און מיט אויסדויער און עקשנות פיהרט עס ווייטער דעם קאַמף.

די פראַגע וועגען זונטאַג-רוהה איז נאָך אַלץ נישט אראָב פון טאָג-אָרדנונג און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ביי די איצטיגע אטמאָספערע איז נישט מעגליך וועגען דער דאָזיגער פראַגע, וואס איז אַזוי וועהטאָגליך פאַר דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען, עפענטליך אַרויסצוטרעטען, איז דאָך דער קאַמף גאָך נישט אויפגעגעבען געוואָרען. דאָס זעלבע איז מיט אלע אַנדערע פראַגען, ווי, למשל, די פראַ-גען וועגען רעכט אויף ארבייט אדגל.

ליידער אָבער מוז מען פעסטשטע-לען, אַז צווישען אונזערע רייהען גופא זענען פערהאַן אַזאלכע, וועלכע נישט נאָר זיי העלפען נישט מיט אין קאַמף פאר די אויבענדערמאַנטע גערעכטע פאָדערונגען, נאָר זאגען זיך גאר אליין אָב פון די דאזיגע הנחות, וועלכע זיי בעזיצען יאָ.

דאס זענען די לעהרער פון דער היגער פּאָוושעכנער שולע נר. 12.

ווי בעוואוסט, לערנט מען ; אין די אַזוי-גערופענע „שאַבאַסובקעס" אַ גאַנ-צע וואָך אויסער שבת ד"ה אויך זונ-טאַג, וואס ס'איז ביי די היינטיגע פערהעלטניסען אַ געוויסע הנחה. האָבען די דאזיגע יודישע לעהרער, וועלכע זענען אַ טייל פון יודישען פאָלק און זענען צוזאמען אונטערוואָרפען דעמזעל-בען גורל, וואס אלע יודען, זיך גוט-וויליג אבגעזאגט פון ארבייטען אין זונטאג און האבען זיך געוואָנדען צום שול-אינספעקטאָר מיט אַ אונטערטעני-גער בקשה נאכצוקומען זייער פער-לאַנג.

ווען דער עלטערן-קאָמיטעט ביי דער דאָזיגער שולע האט אויפמערקזאם געמאכט די לעהרער, אַז דאס הייסט אַליין זיך שפייען אין פּנים, אז דער-מיט גיט מען אַ געוועהר אין די הענד פון די, וועלכע זענען געגען אונזערע נאציאָנאלע רעכט, האבען זיך די דאָ-זיגע אסימילירטע מאַשקעס און יאַדזיעס אויסגעלאָכט און טהוען זיך ווייטער דאס זייעריגע.

מיר האבען שטענדיג צווישען זיך געהאַט אַזאלכע, וועלכע האבען מיט זייערע מעשים מיטגעהאָלפען אָבצו-שוואכען דעם יודיש-נאַציאָנאלען פראָנט, פון מענשען אָבער, וואָס פּרעטענדירען צו זיין די ערציהער פון אונזער יונגען דור, האט מען דאס נישט געדאַרפט ערוואַרטען.

די יודישע געזעלשאַפט. וועלכע האָט אַ געזונדען חוש פאַר'ן קאמף פאר די יודישע נאציאָנאלע רעכט דאַרף מיט'ן גרעסטען אייפער זיך אקעגענשטעלען דעם פרוב פון די דאָזיגע „ערציהער", צו העלפען פערשמעלערען אונזערע אזוי אויך שוין בעגרעניצטע רעכט.

מען דארף זאָגען די דאזיגע לעה-רער, אַז נאָך נישט זיי זענען די דאָ-מינירענדע דעה-זאגער אין יודישען עפענטליכען לעבען און מען דארף זיי אָגווייזען זייער ריכטיג אָרט...

מיט אלע אונזערע כחות וועלען מיר ווייטער שטעהן אויף דער וואך און קעמפען פאר אונזערע נאציאָנאלע רעכט.

ש.

ווירא קאַניעצוסקא און פּאָול ברייטמאַן

זענען געקומען קיין טשענסטאָכאָוו.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי-עניים"

דער אינהאָבער פון קינא „לונא"
ה' א. גאָלדבערג 100 קילאָ ברויט.
ה' הירשל מיטעלמאן 10 קילאָ ברויט.
ה' וואַסערמאַן 5 קילאָ ברויט.
ה' טובי' ניימאַן 1 זל.
ה' משה וואָלקאָוויטש 1 זל.
ה' איזראעל 2 זל.
ה' אברהם גערשאָנאָוויץ 1 זל.
ה' יוסף שוואַרצבוים 1 זל.

די פאַמיליע שעפטעל אויפ'ן נאמען פון ה' אפרים באָכענעק צוליב זיין 50 יעהריגען יובל אלס גבאי אין דער שוהל „אוהל יעקב"–3 זל. פאַר'ן שפּי-טאָל און 2 זל. פאַר'ן „מושב זקנים".

ס'מזל וועט דיך קיינמאָל נישט פערפיהרען
ווען דו וועסט קויפען א לאָס
אין דער גליקליכער קאָלעקטור
J. WEKSLER
ALEJA 6. tel. 11-55.
וואו ס'זענען לעצטענס געפאַלען פאָלגענדע געווינסען:

1.000.000	אויפ'ן נומער	40875
20.000	" "	116491
15.000	" "	69661
15.000	" "	68620
10.000	" "	116472
10.000	" "	147357
10.000	" "	148532

אויסערדעם איז בעת דער לעצטער 4-טער קלאַס פון דער 34-ער לאָטעריע אין איין טאג געווינען געוואָרען 2 גרעסערע געווינסען:
30,000 זל. אויפ'ן נר. 167420
10,000 זל. אויפ'ן נר. 165757
ווי אויך פיעל קלענערע געווינסען.
לאָסען צו דער 1 קלאַס 35 לאָטעריע
איז שוין צו בעקומען אין אונזער קאָלעקטור.
קויף זאָפאָרט א לאָס! די צייט איז קורץ!
עס קענען נאך אויספעהלען לאָסען!

„אַ באַל אַהן אַ באַל".

די פערוואלטונג פון זקנים-און יתומים-הויז האט בעשלאָסען איינצואָרדנען „אַ באַל אָהן אַ באַל".

היות ווי אין דער איצטיגער צייט געהן זעלטען מענשען אויף די איינגע-אָרדענטע בעלער, ווערט ספּעציעל פאר די דאָזיגע געסט איינגעאָרדענט אַזאַ באַל, אויף וועלכע די דאָזיגע געסט זאלען אויך קאנען נעמען אנטייל...

די טעטיגקייט פון זקנים און יתומים-הויז איז איינע פון די הומאַניטאַרסטע אין אונזער שטאָדט און פערדינט אונ-טערשטיצט צו ווערען פון דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג.

עס איז דעריבער מעהר ווי זיכער, אַז בעת די בעפולמעכטיגטע פון דער געזעלשאפט וועלען קומען צו דער הי-גער יודישער בעפעלקערונג מיט די בילעטען אויף דעם „גראַנדיעזען באַל אַהן א באַל", וועלען גערן געקויפט ווערען דורך אלע אָגהענגער פון דער דאָזינער אינסטיטוציע.

פון צענטראַלען יודישען האַנדווער-קער-פערבאַנד אין טשענסטאָכאָוו.

דאנערשטאג, דעם 30 ד.ח. פונקטליך 8 א זייגער אָוונד קומט פאר אין איי-גענעם לאָקאַל (אַלעע 12) א טרויער-אַקאַדעמיע נאך אונזער פערשטאָרבענעם מיטגליד ה' משה קאַץ.

אַלע חברים ווערען אויפגעפאָדערט צו נעמען אַנ'אַקטיווען אַנטייל.

פון דער נ. צ. אָ.-בעוועגונג.

די פּראָקלאַמירטע מיט איינינע וואָ-כען צוריק לעגיטימאַציע וואַהל-אַקציע איז ווי בעקאַנט אבגעשטעלט געוואָרען דורך דער נשיאות פון דער נ. צ. אָ. צוליעב דער גרויסער חנוכה-אַקציע פון „קרן-תל-חי". צוליעב דעם איז אָבגע-לייגט געוואָרען דער טערמין פון צו-נויפרופען די 7-טע קאָנפערענץ פון פוילישען הצה"ר.

אין צוזאַמענהאנג מיט דער פער-ענדיגונג פון דער קרן-תל-חי-אַקציע ווערט די וואָך צוריק בענייט די לע-גיטימאַציע-אַקציע, נעמענדיג אין בע-טראַכט, אז די 7-טע קאָנפערענץ פון הצה"ר וועט צונויפגערופען ווערען די ערשטע טעג פון פעברואַר איז קלאָר. אז די לעגיטימאַציע-אַקציע מוז איצט פערענדיגט ווערען מיט דער גרעסטער שנעלקייט.

די רעוויזיאָניסטען פון אלע גרופּי-רונגען דאַרפען זיך בעזאָרגען מיט וואַהל-רעכט צו דער קאָנפערענץ פון הצה"ר דורך אויסקויפען א לעגיטי-מאציע. דער לעצטער טערמין איז דער 2 פעברואַר.

די נציבות בית"ר אין פוילען טרעט צו צו אָרגאניזירען א „ביתר-חודש", וועלכע וועט זיך אָנהויבען דעם 7-טען פעברואַר און ענדיגען י"א אדר. במשך פון דאָזיגען חודש וועט געמאכט ווע-רען א פּרוב צו קאָנצענטרירען די גאנצע בית"ר'ישע ענערגיע און שאַפען די בעדינגונגען, וואס זאָלען ערמעג-ליכען צו פיהרען אין דער צוקונפט א פערצווייגטע ארבייט און צוציהען נייע קרייזען פון דער יודישער יוגענד אין די רייהען פון בית"ר.

דער „בית"ר-חודש" וועט זיין איינ-געטיילט אין 4 וואכען און יעדע וואָך בעזונדער וועט זיין געווידמעט אַנ'-עיקר-פראַגע.

אויפ'ן מערב=פראַנט נישטא קיין נייעס...

(פון אַ בריעף צו אַ פריינד אין ארץ-ישראל).

...איהר האט צו מיר א טענה, הלמאי איך שרייב אייך נישט גענוג נייעס. איהר ווילט, אַז ווען איהר לעזט די „טשענסטאָכאָווער צייטונג", זאָלט איהר וויסען גענוי וועגען אלעס, וואס ביי אונז קומט פאָר. קאן איך אייך ענטפערן, אַז ביי אונז איז פאַק-טיש נישט פערהאַנען קיין נייעס פשוט כפשוטו — עס געהט אזוי ווי אַלעמאָל און מען דאַרף בעטען, אַז ס'זאָל טאָקי נישט זיין קיין פרישעס, ווארום מיט די אַלטע צרות איז מען שוין געוואוינט, מיר לעבען שוין מיט זיי אין פריידען, און מיט די נייע קאן מען נישט ווי-סען, ווי אזוי מען וועט מיט זיי אויס-זעהען...

ס'איז אויך נישטאָ קיין נייעס וועגען די ענדעקעס, זיי זענען די זעלבע וואָס געווען. נאָר וואס דען — זיי זע-נען געוואָרען גאַרישער. שטעלט אייך פאָר, ליעבער פריינד, זיי האבען אָנ-געהויבען א קאמף מיט'ן ביסעל יו-דען, איהר הערט, מיט'ן שוואכען ישראליק, גענוגען שוין נישט קיין שטעקענס מיט מעסערס, זיי מוזען שוין בענוצען באָמבעס. נו, איז דאָס נישט קיין געלעכטער? זיי וואַרפען אריין באָמבעס אין יודישע געשעפטען, שטו-בען און אינסטיטוציעס, און אויב דאָס איז זיי ווייניג, קעמפען זיי אויך מיט'ן יודישען גאָט — זיי וואָרפען אריין באָמבעס אין די שוהלען און בתי-מדרשים. נו, דאַרף מען נישט זיין משוגע צום טויט?...

איהר קענט טרוסקאָלאַס, אַ דאָרף דריי מייל פון טשענסטאָכאָוו, וואוינען דאָרט נעבּיך 70 יודישע פאַמיליעס, אויף אַ פּאָר טויזענד נישט-יודען, פיי-גינגט מען דאָרט דאס ביסעל יודען מיט ענוים קשים. מען לאָזט זיי נישט האַנד-לען, מען לאָזט זיי נישט לעבען; פון געהן אין דאָרף איז דאָך אָבגערעדט. איז דאס נאָך געווען ווייניג, האָבען זיי יענע וואָך שבת אריינגעוואָרפען אַ באָמבע, איהר הערט א באָמבע אין דער שוהל אַריין.

מיט אַנ'ערך 150 יאָהר צוריק, זענען געקומען קיין טרוסקאָלאס אַ דריי יודי-שע פאַמיליעס און זיך דאָרט בעזעצט. דאן האבען זיי אַראָבגעבראכט א שוחט פון וויערושאוו און פון דאמאלס אָן האט זיך דאָרט געשאפען א יודישער ישוב, אמת, א קליינער ישוב, אָבער די יודען האבען געלעבט גאַנץ רוהיג, געהאַנדעלט אין די דערפער, געווען אויסגעקאכט מיט די פויערים, און ווען אַ פויער האט געהאַט א שווערען ענין צו ערלעדיגען, איז ער געקומען צום יודען נאָך אַנ'עצה, ווייל ער האט גע-וואוסט, אז דער יוד איז קלוג און נישט פאַלש.

איך געדענק נאָך טרוסקאָלאס פון מיין קינדהייט, בעת איך בין געקומען צו גאַסט צום זיידען, וועלכער איז דאָרט געווען שוחט. זענען מיר ארומ-געלאָפען צו גאנצע טעג און די קריסט-ליכע קינדער האבען זיך מיט אונז געשפּיעלט. מיר האבען זיי מכבד גע-ווען מיט צוקערקעס, און זיי אונז מיט אויבסט, וואס האט געוואַקסען אין זיי-ערע סעדער.

לעצטענס אָבער איז פון אלעם גע-וואָרען א תל. דער נייער דור האט אַנדערש פערשטאַנען דאס ברידערליכע צוזאַמענלעבען און אנשטאט צוקערקעס און גוטע עצות זענען זיי איצט די יו-דען מכבד מיט שטיינער און שטעקענס און אויב דאס איז ווייניג, וואַרפט מען אויך באָמבעס.

גלויבט מיר, ליעבער פריינד, עס איז בעסער מיין זיידען, וועלכער לעבט שוין נישט מעהר, ווייל איך צווייפעל, צי ער וואלט זיך געקאנט צופאסען צו די איצטיגע בעדינגונגען, ווארום גאנ-צע 60 יאהר איז ער ארומגעקראָכען איינער אליין ביי טאָג און ביי נאכט אין די דערפער שחט'ען, היינט אבער, ווען ער וואלט געלעבט, וואלט ער געמוזט רעזיגנירען פון פאך, ער וואלט נישט געהאט וואָס צו שחט'ען...

דאס אָבער איז ביי אונז נישט קיין נייעס. טרוסקאָלאָס איז נישט קיין אויסנאהם, דעריבער לוינט נישט וועגען דעם צו שרייבען...

אויך אין אונזער יודיש לעבען איז נישטאָ קיין שום נייעס. מען רייסט זיך אַרום אַזוי ווי אלעמאָל. די קהלה איז אַנ'אַרענע, וואו ס'קומט פאָר אַ באָקס-מעטש, און טאָמער זאגט עמיצער אַרויס אַ וואָרט, ווערט עס דורך די געגנער בכיון פערדרעהט און אויסגע-טייטשט אויף זייער שטיינער, ווי עס לוינט פאר זיי.

יענע וואך האט דער קהלה-פרעזעס געזאגט א וואָרט וועגען אַ געוויסען ענין, האבען עס די געגנער אַזוי פו-נאַנדערגעבלאָזען און צוגעגעבען נישט-געשטויגענע און נישט-געפלויגענע מעשות, עס צושמירט אין די בלעטער— אַזש קיין גאַליציען איז עס אָנגעקומען אין די דאָרטיגע צייטונגען — און אויך דאָ אין שטאָדט בעמיהט מען זיך צו צובלאָזען א פייער, וועלכעס זאָל ברע-נען און פלאקערן.

ווי איהר זעהט, העלפט נישט דאס, וואס געגען אונז שטעהט א מעכטיגער שונא, וועלכער וויל אונז פערטיליגען. אויב ס'וועט ווייטער אזוי ביי אונז געהן, וועלען אונזערע שונאים פער-שפּאָרען אונז עפּיס צו טהון. ס'וועט פשוט נישט זיין וועמען, ווייל מיר אַליין מאכען פון זיך דאָנקען גאָט אַ תל.

ווי איהר זעהט איז אויך דאָס נישט קיין נייעס און כ'האָב נישט וועגען וואָס צו שרייבען.

כווייס, אפשר ווילט איהר וויסען, וואס ס'הערט זיך אין דריטען רייך? נו, דאס דאכט זיך ווייסט איהר בע-סער, אין ארץ-ישראל איז דאָך די צענטראַלע פון דער טראַנספער-חברה, וועלען זיי אייך שוין דאָרט גענוי ווע-גען דעם אינפאָרמירען...

דאן וואָס נאָך פאר א נייעס? אסור אויב איך ווייס. ניין, ליעבער פריינד, עס איז באמת נישטאָ קיין נייעס. מיר האָבען די זעלבע אָרדנונגס-היטער וואס אמאָל, זיי היטען דאָס געזעץ, זיי גיבען אכטונג, אַז די געוועלבער זאָלען ווערען געעפענט נישט פריהער ווי 9 א זייגער פריה און געשלאָסען ווערען נישט שפּע-טער, ווי 7 אָוועגד. זיי זענען אויך שטארק מקפיד, אַז די בייגעל-הענדלער זאלען נישט חס ושלום עובר זיין אויפ'ן געזעץ, און טאָמער כאפט מען אַזאַ חברה-מאַן, געהט ער צוזאמען מיט זיין „טריפה'נער" סחורה גלייך אין קיטשעמענט.

און דאס וואס איהר פרעגט אָן וועגען די ציוניסטען, צי זיי לעבען שוין צווישען זיך בשלום, מוז איך אייך ענטפערן, אַז ניין, ליעבער פריינד, אַלץ ווי געווען, זיי זענען צוריסען אויף צענדליגער מחנות; זאגט איינער טאָג, זאגט דער צווייטער נאכט, זאָגט איינער „קרן-היסוד", זאָגט דער צוויי-טער — „קרן תל-חי", זאָגט דער דרי-טער נישט דאס און נישט יענץ. און דאס וואָס אַ טייל מזרחיסטען זענען אַרויסגעטרעטען און געגרינדעט אַ בע-זונדערע פּאַרטיי, איז שוין ביי אונז אויך נישט קיין נייעס. ווי מען שמועסט, וועלען זיי זיך נאָך שפאלטען און שפּאַלטען.

אין דער שטאָרט-שוהל איז נאָך ניש-טאָ קיין חזן, דערפאר איז צוגעקומען נאָך איין לינקער שוחט. די קליינהענד-לער זענען נאָך נישט פעראייניגט און דער רעליגיעזער פראָנט צו די קהלה-וואהלען איז נאָך נישט געשאפען גע-וואָרען. יאָ, א מענדעלע-אַקאַדעמיע קומט דאך פאר דעם פרייטאָג-צו-נאכטס, איינ-געאָרדענט דורך דער ארבייטער-ביבליאָ-טעק. נאָר אַז די יודישע אינטעליגענץ מיט די יודישע פאַניענקעס וועלען זי-צען אינדערהיים, איז מעהר ווי זיכער. קיין זאל אויף יודיש טעאטער איז ווייטער נישטאָ און וועט אזוי גיך נישט זיין. אונזערע אסימילאַטאָרען טאַנצען מה-יפית און דער פּריץ זאגט זיי דעם צווייטען פסוק פון שיר השירים. דאן איז אויך געבליבען ביים אַלטען דאָס, וואס — אָבער צו וואס אויסרעכענען, איהר ווייסט דאך אַליין...

איבריגענס, הערט מיין פריינד, קורץ און שארף: איהר ווילט דאָך, אַז איך זאָל אייך שרייבען עפּיס נייעס, זאָג איך אייך, אַז קיין ליגענט וויל איך נישט שרייבען און דעם אמת טאָר מען נישט שרייבען, וועל איך זיך דע-ריבער בענוצען מיט דער זעלבער מע-טאָדע, וואס די דייטשען האבען גע-טהון לויט רעמאַרקס שילדערונג. ווען ס'איז געווען ביטער אויפ'ן פראָנט, האבען זיי געגעבען א קורצען קאָמו-ניקאָט: אויפ'ן מערב-פראָנט נישטאָ קיי נייעס... היות, ווי איהר, מיין פריינד, זענט אין ארץ-ישראל און מיר אויפ'ן מערב, שרייב איך אייך אויך דעם דאָ-זיגען קאָמוניקאָט, אז — אויפ'ן מערב-פראָנט נישטאָ קיין נייעס...

סמאָל.

ווירא קאָניעצוסקא און פּאָול ברייטמאַן

טרעטען אויף אין קינא „לונא".

משה אש

די ווירטשע חברות און אינסטי-טוציעס אין טשענסטאכאוו

V.

„חברה חייטים"

תקנות.

3) א מיטגליד פון דער חברה טאר נישט מסיג-גבול זיין זיין'ס א חבר, נישט צונעמען א צווייטנס ארבייט, ווי אויך נישט קאנקורירען מיט איהם. דער מיטגליד, וועלכער וועט די דאזיגע תקנה נישט האלטען, איז, א חוץ וואס ער וועט אויסגעשלאסען ווערען פון דער „חברה חייטים", וועט אויך מוזען בעצאהלען קנס.

4) א קירזשנער טאר נישט אננעה-מען שניידער-ארבייט, דאסגלייכען אומ-געקעהרט, א שניידער – קירזשנער-ארבייט.

א גרויסער קאנפליקט איז אויסגע-בראכען ביי דער תקנה 5: די שניידער האבען פערלאנגט צו בעקומען אנ'ער-לויבניש פון דער קהלה צו מעגען שבתים און יו"ט בעזונדער דאווענען, בכדי צו האבען א הכנסה פון די נדרים. די דאזערעס האבען דערויף נישט געוואלט מסכים זיין, ווייל די שוהל, וועלכע איז ערשט מיט 3 יאהר צוריק תק"ע (1810) אויסגעפערטיגט געווארען, האט פעראורזאכט די קהלה גרויסע חובות, דעריבער איז ביים חנוכת בית-הכנסת, וואס איז אין זעל-בען יאהר פארגעקומען, אנגענומען געווארען א בעשלוס פון גאנץ קהל, נישט צו ערלויבען קיין שום בעזונדע-רע בית-תפילה, נאר אלע מוזען דא-ווענען אין דער שוהל. געבען א רשות די „חייטים" אויף א בית-תפלה, האבען די ראשי הקהלה געהאלטען פאר א גרינגשעצונג פון די קהלה-תקנות ווי אויך א געפאהר פאר די קהלה. סוף כל סוף איז געמאכט געווארען א פשרה צווישען די צדדים און עס זע-נען צוזאמענגעשטעלט געווארען פאל-גענדע תקנות:

5) די „חברה חייטים" בעקומט די ערלויבניש פון רב און דאזערעס צו קריאת-התורה ארויסצוגעהן פון דער שוהל און בעזונדער צו לייענען. זיי מוזען אבער גלייך נאך קריאת-התורה צוריקקומען אין דער שוהל דאווענען מוסף.

6) בעת'ן לייענען, טאר זיך נישט געפינען אזא אייגער וואס געהער נישט צו דער „חברה חייטים".

7) דאס צימער, וואו די חייטים וועלען לייענען, מוז זיין ריין, די ספר-תורה דארף זיך געפונען אויף אנ'אנ-שטענדיגען ארט.

א שווערער קאמף איז ענטשטאנען ביים ווייטערען פונקט וויפיעל די „חברה חייטים" זאל צאהלען קהלה-שטייער.

צו יענער צייט איז נאך די ניי-גע-שאפענע היגע קהלה נישט געווען לע-גאליזירט דורך דער רעגירונג און דע-ריבער נישט געהאט דאס רעכט צו נע-מען א צוואנגס-שטייער, אזוי אבער ווי די קהלה האט זיך גענויטיגט אין געלד, איז געשאפען געווארען „א צדקה גדולה", וואו יעדער היגער יודישער איינוואוינער האט געמוזט זיין א מיט-גליד און צאהלען א געוויסען אבצאהל. געהייסען האט עס פרייוויליגע נדבות. די דאזערעס האבען פערלאנגט א גא-ראנטיע פון די „חייטים", אז זיי וועלען ווייטער בלייבען מיטגלידער אין דער „צדקה גדולה" און צאהלען פונקט-ליך דעם מיטגלידס - בייטראג. די „חייטים" דאגעגען האבען געוואלט זיך בעפרייען פון „צדקה-גדולה" לטובת זייער חברה. דער דעלעגאט פון די „חברה חייטים" לייבעלע שענקער, וועלכער האט זיך געהאלטען פאר א למדן, האט מאטיווירט דעם שטאנד-פונקט פון די שניידער מיט א פסוק פון דער תורה: „בעת אונזער זיידע אברהם האט געשאפען די ערשטע יו-דישע קהלה אויף דער וועלט, האט ער געשוואוירען נישט צו נעמען פון די חייטים קיין אבצאהל: הרימותי ידי – מחוט (פון א שניידער) ועד שרוך נעל (ביז א שוסטער) אם אקח מכל אשר לך: וועל איך קיין פאדאטקעס נישט נעמען. דעריבער – האט לייבעל ווײ-טער געזאגט – מוזט איהר די ערשטע גרינדער פון דער טשענסטאַ-כאווער קהלה האלטען די שבועה פון אונזער זיידען און בעפרייען די „חברה-חייטים פון אבצאהל". ער האט אבער בעקומען א געהעריגע תשובה פון דא-זאר יהודה פרענקעל, וועלכער האט ערקלערט, „אז דאס וואס אברהם האט נישט געוואלט נעמען פון די חייטים קיין שטייער פערשאפט זיי נישט קיין כבוד, דען אברהם, וועלכער איז גע-ווען: כבד מאוד במקנה בכסף ובזהב, אנ'עושר, א גרויסער מכניס אורח, האט זיך בערעכענט, אז עס לוינט זיך פאר איהם נישט צו נעמען פון זיי אנ'-אבצאהל, בכדי עס זאל איהם קיינער נישט זאגען קיין דעות: ולא תאמר אני העשרתי את אברם. ביי אונז אבער אין אונזער פריש-געבאקענער קהלה געפונט זיך נישט קיין בעל-צדקה און מכניס אורח ווי אונזער זיידע און מיר מוזען האבען געלד און קענען אייך נישט בעפרייען". נאך לאנגע אמפער-נישען און קאמבינאציעס זענען אויס-געארבייט געווארען פאלגענדע תקנות:

8) בכדי די שטאדטישע „צדקה-גדולה" זאל נישט האבען קיין שאדען צוליעב'ן ענטשטעהן פון דער „חברה-חייטים", פערפליכטעט זיך די חברה צו צאהלען דער „צדקה גדולה" 3 רענדלעך (ארומים) א יאהר. די ערשטע ראטע אין חודש חשון, די צווייטע – אייר. די „צדקה-גדולה" מוז ארויסגע-בען א בעשייניגונג, אז זיי האבען דאס געלד ערהאלטען.

9) אויב די קהלה וועט בעקומען רשות פון דער מאכט א"ויפצולעגען א צוואנג-שטייער אויף דער יודישער בע-פעלקערונג, און דער עטאט פון די מיטגלידער פון די חייטים וועט בע-טרעפען מעהר ווי 3 רענדלעך, איז יע-דער מיטגליד מחויב צוצאהלען דעם דיפערענץ, וואס מאכט אויס אויף זיין חלק מעהר ווי ער האט דערויף איינ-געצאהלט ביי די „חברה-חייטים".

10) אויב די ראטעס פאר דער „צדקה גדולה" וועלען נישט ווערען פונקטליך איינגעצאהלט פערלירען די חייטים דאס רעכט פון קריאת-התורה פאר זיך.

דער קאריפיי פון דער יודישער ליטעראטור

(צו מענדעלעס 100-יעהריגען יובילעאום)

פון מגר. ש. שאלזאהן

לייענען היינט מענדעלען? – אוי-בענאויף מיינען מאנכע, אז ס'איז איב-ריג. זיין שאפען געהערט דאך דער פערגאנגענהייט און דער היינטיגער לע-זער זוכט אקטועלע טעמעס פון נייע שרייבער. ווען אבער מען לייענט אויפ-מערקזאם אדורך א פאר בלעטלעך פון א וועלכען ס'זאל נישט זיין פון מענ-דעלעס ווערק און אויב מ'פערטראכט זיך איבער זיי–דערקענט מען באלד, אז נאך היינט איז די מענדעלע-לעקטור זעהר אקטועל, אינטערעסאנט, בעלע-רענדיג און נוצליך.

פון יענער עפאכע, אין וועלכער מענדעלע האט געשאפען זיינע מאנו-מענטאלע ווערק איז אבגעפלאסען א סך צייט, דאס לעבען האט אדורכגע-מאכט פיעל אומוואנדלונגען, ס'זענען פערביי א סך פאסירונגען און געשיכ-טליכע ערשיינונגען. אויך דאס יודישע קולטורעלע לעבען האט זיך ברייט פערצווייגט איבער דער גאנצער וועלט, די יודישע ליטעראטור איז זיך פונאנ-דערגעוואקסען, זי האט א סך יונגע, קרעפטיגע, בעדייטענדיגע שרייבער. די היינטיגע יודישע ליטעראטור איז אבער ענג פערבינדען מיט דעם נאמען מענדעלע, מיט דעם, וואס איז געווען דער ערשטער, וואס האט די יודישע ליטעראטור געבויט.

לעבענדיג אין א שטורמישער צייט, אויף דער גרעניץ פון צוויי צייט-אב-שניטען ווערט ער דער אויסדריקער פון נייע דראנגען און טענדענצען, דער פערקערפערער פון בונט און פראטעסט געגען אומרעכט און אונ-טערדריקונג פון זיין עפאכע און דער פארגעהער אין קאמף מיט דעם שלעכ-טען, פערקריפעלטען און פעהלערהאפ-טען, וואס האט זיך, ווי א שווערע משא פונאנדערגעשפרייט אויפ'ן דע-מאלסדיגען יודישען לעבען. זיינע ווערק זענען א אויסגעצייכענטע, געוואגטע און דרייסטע קריטיק, וועלכע בעווייזט דעם פולען אמת און טראגיזם פון יו-דישען לעבען. דאס שארפע מעסער פון זיין נישט בעגרענעצטען אנאליז ווייזט יעדע וואונד, שניידט זיך טיעף אריין אין לעבען, דעקט אויף אלע אנגעווייטאגטע ערטער, כדי דורכ'ן פעסטשטעלען דעם שמערצליכען צו-שטאנד–שטעלען די דיאגנאז און גע-פינען די ריכטיגע רעצעפט.

ער איז איהר פערטיידיגער, איהר פלאמיגער און ענערגישער קעמפער מיט די, וואס נוצען זי אויס, מאכען שווער און ביטער זייער לעבען.

ער וויל ענדערען די ווירקליכקייט פון גלופסק און קאבצאנסק, ער שטרעבט צו פערניכטען אלע בלוט-זויגערס, קהלס-פערזארגערס, בעלטאקסעס און אנדערע נישט געבעטענע אפיטרופסים, וועלכע לאזען נישט צו קיין שום ליכ-טיגען שטראהל צום פינסטערען פאלקס-לעבען און פערקריפלען עס גייסטיג און מאראליש, נוצענדיג אויך אומברח-מנות'דיג אויס מאטעריעל דעם פשוט'ען, גרויען מענש.

מענדעלע–דער אייגענארטיגער רע-וואלוציאנער – קעמפט געגען אונטער-דריקונג און אונטערגאנג. אין די ווערק: „די קליאטשע", „די טאקסע" און „פיש-קע דער קרומער" – געפינען מיר די יסודות פון מענדעלעס צייט, דא שפראצט פון יעדען זאץ אויפברויז און שטורם; דא בעווייזט זיך מענדעלע אלס גע-זעלשאפטליכער און ליטעראריש ער ריעז, ער ווייזט ארויס וואונדערבארע איי-גענשאפטען–קינסטלערישע און מענ-שליכע, דער עפיגער, סאטיריקער געהט צוזאמען מיט'ן בעשולדיגער, מיט'ן שטראפער. זעהענדיג דעם אויסוועגלא-זען צושטאנד פון דער יודישער מאסע–ווארפט מענדעלע אויך די משכיל'ישע טעאריעס וועגען בילדונג און טאדערט קודם כל פערבעסערען איהר עקאנא-מישע און רעכטלאזע לאגע, אויסדרי-קענדיג דאס אין זיין אלעגאריש ווערק –די „קליאטשע"–„...איך בין, ווי אלע בעשעפענישען, איך האב, ווי זיי א פראווע, דאס רעכט צו לעבען"... אין עקסטאז פון זיין קאמף–ווארפט מענ-דעלע זיין בעקאנט ווערטעל: „קיין טאנץ געהט נישט פאר קיין עסען".

דער זיידע איז אויך א הומאריסט, א שפאטער, א אבלאכער, א סאטיריקער. אלס סאטיריקער איז ער גלענצענד און האט נישט זיינס גלייכען: „דאס וואונש-פינגערל" און דער „פריזיוו"–א געמיש פון פובליציסטיק און ראמאנטיסטיק. דורך דער קרימיק ווערט דער זיידע אנגערופען: „סאטירישער-האמער".

„דער זיידע" איז שעפער און מייס-טער פון דער יודישער שפראך, דאס איז זיין גרויסער פערדינסט, „דאס לשון פון פראסטען המון" איז דערהוי-בען געווארען צו דער מדרגה פון א אמת'ער שפראך.

אויס זשארגאן, נאר ש–פ–ר–א–ך?

דער פראצעס פון דערהויבונג איז א קאמפליצירטער. די רוהמפולע שפראך-געביידע, וואס הייסט „יודיש" – האט געקענט אויסגעארבייט ווערען נאר דורך דעם ווארט-מייסטער, וואס איז אויטאקריטיש לגבי זיך אליין, וואס פיילט און שלייפט, טאקט און איידעלט יעדעס ווארט און יעדען אויסדרוק. דערמיט האט ער געשאפען דעם יודי-שען ליטעראַרישען סטיל, דעם מענדע-לע נוסח, וועלכער האט לאנגע יאהרען דאמינירט און איז איינפלוסרייך.

די צעמענטירטע – דורכ'ן „זיידען"– יודישער שפראך – האט בעקומען קלאנג און ריטם. פון מענדעלען דא-טירט זיך דער אנהויב און איילינע ענטוויקלונג פון דער שפראך, אין וועל-כער ט'זענען אנגעשריבען געווארען די ווערק, וואס בילדען דעם טורם פון דער יודישער ליטעראטור. מענדעלעס ווערק בלייבען אבער דאך די איינציגע און גלענצענדע שול פאר די יונגע שרייבער.

דער זיידע ר' מענדעלע איז אונזער גרויסער יחסן, דער ריז, וועמענס נא-מען וועט אייביגע צייטען לויכטען אויפ'ן שפיץ פונקט פון ליטערארישען פארנאס מיט די גאלדענע ווערטער:

„דער קאריפיי פון דער יודישער לי-טעראטור"!

וואס געהערט, וואס געזעהן.

חזנים אויף פרוב...

ענדליך, רבותי, איז די נאדעל ארויס פון זאק.

יענע וואך איז געקומען א בריעף, אין וועלכען חזן באדאש שרייבט, אז ער בלייבט אין אפריקע און ער ער-לויבט ענדליך צוצונעמען א חזן אין דער היגער שטאדט-שוהל. איך זאג ער „ערלויבט", ווייל ביז לעצטענס האט ער טאקי נישט ערלויבט צוצו-נעמען קיין חזן.

חזן באדאש האט בעקומען פון ראַ-בינאט און קהלה דריי חדשים אורלויב, און נאכדעם ווי עס וועט אדורך דער טערמין, האט קהל דאס רעכט צוצו-נעמען אנאנדערען חזן. הפנים אבער, אז ביז דעם טערמין איז ה' באדאש נאך נישט געווען זיכער מיט'ן פאס-טען אין אפריקא, האט ער באמבא-דירט מיט בריעף צום ראבינאט און דער קהלה, ווי אויך צו די גבאים. אין די בריעף האט ער געוויינט, גע-בעטען, גע'חלש'ט, אז מען זאל זיך דערבארימען איבער זיינע יונגע יאהר און נישט צונעמען קיין אנדערן חזן, ווייל ער קומט בעשטימט צוריק, ווייל ער וויל נישט בלייבען אין אפריקע, ער איז גרייט דא צו עסען בעסער א טריקען שטיקעל ברויט, איידער דארט פאמעראנצען, און ער וויל זיין דא מיט זיינע טרייע הארציגע גבאים און מתפללים. אין די זעלבע בריעף האט ער געבענשט און אנגעווינשען די גבאים מיט זייערע ווייבער און קינדער און די שוויגערס מיט די מיהמעס און די גאנצע משפחה און געשריבען, אז אט אט פאהרט ער ארויס. אט נעכטען האט ער בעקומען די שיף'ס-קארטע ער געזעגענט זיך אזוי. אזוי.

הקצור' ער האט געהאלטען אין שאך די גאנצע שטאדט. מורא האבענדיג טאמער הס ושלום דארף ער פארט צוריק קומען ביז ענדליך ער איז שוין געווען זיכער אויף הונדערט פראצענט, אז ער איז אנגאזשירט האט ער בע-וויליגט צו שרייבען א בריעף, אז ער ערלויבט די טשענסטאכאווער קהלה צוצונעמען א חזן...

די גבאים זענען די ערשטע מינוט געבליבען ווי געפלעפט אזא מעשה, א גאנצע צייט שרייבט דער חזן, אז זיי זאלען זיך דערבארימען און נישט צו-נעמען קיין חזן ווייל ער קומט בע-שטימט צוריק און דא פלוצלינג אזא מעשה, נאר שפעטער האבען זיי זיך אריענטירט, אז מען האט זיי א גאנצע צייט גענארט.

הכלל, ווי עס זאל נישט זיין ווייסען מיר שוין אויף בעשטימט, אז אין דער היגער שטאדט-שוהל איז פריי דער פאסטען פון א חזן און חזנים פון ארבע פנות העולם קענען קומען מאכען פראבע.

א גראטענער תכשיט...

מיר טשענסטאכאווער האבען זיך נישט וואס צו שעמען מיט אונזערע בירגער, מיר לאזען פון זיך אפט הע-רען, און מען קאן אויף אונזער קאנטא געבען א סך קרעדיט.

אט קעמפען, למשל, די יונגע ענדע-קעס מיט פייער און שטינק-באמבעס פאר א בעסערער צוקונפט, און צוויי שען די, וועלכע צייכענען זיך אויס גאר אמבעסטען, זענען אויך פערהאנען טשענסטאכאווער „חעלדען".

אין רעסטאראן „קוויק" אין ווארשא, האט א יונגער ענדעק, א סטודענט, אריינגעווארפען א שטינק-באמבע. ווייזט זיך ארויס, אז דאס איז גאר אונזערס א בן-עיר, קאזערסקי איז זיין נאמען, א זוהן פון א היגען ענדעקישען גדול, פון אפטייקער קאזערסקי.

דער מאטע זיינער איז דער פרעזעס פון די היגע ענדעקעס, און זיין זוהנ-דעל אין ווארשא פיהרט אויס דאס, וואס זיין „גרויסער" פאטער פרעדיגט אין טשענסטאכאוו.

מיר מעגען שטאלץ זיין מיט אונזער אפטייקער, וועלכער האט ערצויגען זיין זוהנדעל אלס וואוילען בחור, וועל-כער געהט אין פאטער'ס דרכים. דער פאטער איז גליקליך, וואס ער האט אזא גראטענעם תכשיט...

צו דער אויפמערקזאמקייט פון די עלטערן-קאמיטעטען פון די יודישע פאוושעכנע-שולען.

ווי בעוואוסט זענען אין טשענסטא-כאוו פערהאנען דריי יודישע פאוושעכ-נע-שולען ד. ה. אז זיי זענען אויף אזוי פיעל יודיש, וואס דארט לערנען זיך בלויז יודישע קינדער.

אט אין די שולען זענען לעצטענס אנגאזשירט קריסטליכע לעהרער און לעהרערינס. דערצעהלט מען מיר פאל-גענדע כאראקטעריסטישע אינצידענטען, וואס קומען פאר צווישען די קריס-טליכע לעהרער מיט די יודישע קינדער.

פערהאנען צווישען די קינדער אזעל-כע, וואס האבען אינדערהיים א רע-ליגיעזע ערציהונג, איז בעת עס קומט זיי אויס צו עסען אין דער שולע, טהו-ען זיי זיך אן די היטלען, פערדריסט דאס דעם לעהרער, וועלכער הייסט זיי אויסטהון דאס היטעל, פערענטפערט זיך דאס יודישע קינד, אז לויט דער יודישער רעליגיע איז נישט ערלויבט צו עסען אין בלויזען קאפ. רופט זיך אן דער לעהרער מיט בטול: ווארום אייער רעליגיע (געמיינט די יודישע) איז דען אויך א רעליגיע? ס'פערשטעהט זיך אז דאס קינד ווערט בעליידיגט און לויפט אהיים דערצעהלען דאס די עלטערען. און נישט בלויז ביים עסען אהן א היטעל, נאר אויך ביי אנדערע ענינים, רייצט זיך דער לעהרער מיט די קינדער וועגען דער יודישער רע-ליגיע.

איך האב דאס דערצעהלט די מיט-גלידער פון עלטערן-קאמיטעט, וועלכע האבען געצויגען מיט די פלייצעס, אזוי ווי זיי וואלטען געזאגט: מיר ווייסען דערפון, נאר וואס זאלען מיר טהיען. אלזא, מאכען מיר אויפמערקזאם די עלטערן-קאמיטעטען, אז זייער אויפ-גאבע איז אבצושאפען די דאזיגע בע-ציהונג פון די קריסטליכע לעהרער צו די יודישע קינדער אין די יודישע פאוושעכנע שולען.

יודען גיבען געלד.

ווי ס'אינפארמירט מיך דער יושב-ראש פון „קרן-היסוד" אין טשענסטא-כאוו, ה' יאכימאוויטש, איז די היי-יאהריגע אקציע פון קרן-היסוד אין טשענסטאכאוו געקרוינט געווארען מיט ערפאלג. אזוי, למשל, איז ביז ענדע פון דער פעריגאנגענער וואך געזאמעלט געווארען אנ'ערך פון 23 טויזענד זלא-טעס–דאס הייסט מיט 8 טויזענד זלא-טעס מעהר ווי פאראיאהרען. אבער דאס איז נאך נישט אלעס–ס'דארפען נאך בעזוכט ווערען א 80 תורמים, וועלכע וועלען, ווי ס'האפען די עסקנים פון „קרן היסוד", ממלא זיין ביז צו דער סומע פון 28 טויזענד זלאטעס.

ווי איהר זעהט, איז נישט-קשה–אונ-זערע יודעלעך גיבען נאך געלד.

צוויי מאסען...

דער היגער „גאניעץ" בעזיצט שטענ-דיג צוויי מאסען, איין מאס–בעת ער דארף נעמען געלד און א צווייטע–ווען ער דארף עפעס טהון און בעקומט נישט דערפאר קיין געלד.

אונז איז שוין אויסגעקומען צו דער-צעהלען, ווי אזוי דער „גאניעץ" יאגט

יוסף שאיא, ווייעלון.

רחבעם - ירבעם בן נבט...

איך האב בייגעוואוינט א רעדע אין א שוהל פון חשוב'ן „קרן-היסוד"-עסקן רעד, נ. ג. דער רעדנער האט זיך נישט צופרידענגעשטעלט בלויז דער-מיט, וואס ער האט גערעדט צום שבח פון „קרן-היסוד", נאר ער האט אויך אנגעגריפען און כסדר אטאקירט די רעוויזיאניסטען (כאטש ער האט, וואס אמת גערעדט בעילום-שמו, נישט דער-מאנענדיג דאס ווארט רעוויזיאניזם), זייער אידעאלאגיע און טאקטיק.

ער האט אויפגעוויזען, ווי די גאנצע פאליטיק זייערע איז פאלש דורך און דורך, ווי אנשטאט צו פיהרען א פאק-טישע און קאנסטרוקטיווע אויפבוי-אר-בייט, אויסצונוצען וואס עס לאזט זיך, פערטושען זיי די מהות מיט פראטעס-טעווען, מיט שיקען פעטיציעס וכדומה נאך אזאלכע הבלים, וואס נישט נאר זיי ברענגען נישט קיין שום נוצען, נאר טיילמאל אויך שאדען.

מיט ראיות, משלים און מופתים בע-וויזט דער חשוב'ער פרעלעגענט, ווי שעדליך און פערברעכעריש עס איז געווען דאס אבנרייסען זיך און שפאל-טען די ציוניסטישע ארגאניזאציע און דאס אבקעהרען זיך פון די נאציאנאלע קרנות: „קרן קימת" און „קרן היסוד" און מאכען זיך בעזונדערע, אייגענע פאנדען.

צווישען אנדערע בעווייזען ברענגט דער רעדנער דעם היסטארישען פאקט פון „רחבעם — ורבעם בן נבט", ווי נאכ'ן טויט פון שלמה המלך, ווען עס האט געהערשט א יודישע מלוכה, וועל-כע עפאכע עס ווערט בעטראכט אלס די גליקליכסטע פון מלכות ישראל — האט געירשנט די מלוכה דער זוהן רחבעם, וועלכער איז נישט געווען קיין איבריגער חכם. ווען צו רחבעמ'ן איז געקומען ירבעם בן נבט, וועלכער איז געווען דער לידער פון דער אפאזיציע געגען שלמה המלך'ס פאליטיק פון שטרענגען רעזשים, פון פיסקאליזם און קנעכטשאפט לגבי זיינע אינטערטאנ-טען — און איהם געפרעגט צי ער וועט זיך מילדערער בעציהען צום פאלק, כדי זיי זאלען קענען איהם גע-טריי דיענען, האט רחבעם אבגעענט-פערט — פאלגענדיג די עצה נישט פון די „זקנים" נאר פון די „ילדים" —: „אבי יסר אתכם בשוטים ואני איסר אתכם בעקרבים" — „אויב דער פאטער מיינער האט אייך געשמיסען מיט רי-טער, וועל איך אייך שמייסען מיט דערנער". דאמאלס האט ירבעם א געשריי געטהון: „איש לאהליך ישראל"! „אין לנו חלק בדוד ולא נחלה בבן ישי" (יעדער אהיים, מיר ווילען מעהר נישט קענען די דינאסטיע פון בית דוד) און האט אוועקגעשטעלט צוויי גאלדענע קעלבער — איינס אין שכם און איינס אין לוד, זאגענדיג: „רב לכם מעלות ירושלים"! — דאס איז אייער בית-המקדש! און ער האט אבגעריסען עט-ליכע שבטים, געשאפען אנ'אבזונדער מלכות ישראל, שפאלטענדיג די איינ-הייטליכע יודישע מלוכה, וואס איז געווען אנ'אנהויב פון חורבן.

אויף וויפיעל רחבעם איז שולדיג געווען מיט זיין דעספאטישער האנד-לונג און אויף וויפיעל די טענות פון ירבעמ'ן זענען געווען גערעכטע, האט די היסטאריע געשטעמפעלט נישט רחבעמ'ען, נאר ירבעם בן נבט'ן אלס דעם „חוטא אין מחטיא את הרבים".

ירבעם בן נבט און זיינע מעשים — דאס איז געווען א רמז אויף די רע-וויזיאניסטען, וועלכע האבען געשפאל-טען די ציוניסטישע ארגאניזאציע, אב-געקעהרט זיך פון „בית המקדש" — די נאציאנאלע פאנדען — און געשאפען די „עגלי הזהב" (דעם „קרן תל-חי" און דעקלאראציע-פאנד.

אזוי האט געדרש'נט דער שליח פון „קרן היסוד".

געוויס ביטערט און עס טהוט וועה דער טרויעריגער פאקט און מען דארף געוואלדען שרייען אויף דער צעריסען-קייט פון יודישען אחדות, אויף דער צושפליטערונג פון יודישען איינהייטלי-כען כח, דאמאלס ווען מיר שטעהען אין פערצווייפעלטען גראנגעל פאר אונזער זיין אדער נישט זיין, פאר דער ערארבערונג פון אונזער ווינקעלע אויף דער ערד-קוגעל.

אבער זאל מיר דער חשוב'ער קרן-היסוד-עסקן מוחל זיין, אויב איך וועל איהם זאגען: לא זו הדרך! נישט דורך איינפלאנצען שנאה צו יענעם טייל יו-דען; נישט מיט שיטען פעך און שווע-בעל, קללות און חרמות וועט מען יע-נעם טייל קליינקריגען, פערניכטען; נישט דאס ווארפען די גאנצע שולד אויף יענעמ'ס פלייצעס — וועט ענדערען די לאגע. די דאזיגע מעטאדע און מיטעל קען יענער צד נישט וויינציגער, און דאס קען נאר בעצוועקען די ברידער-מלחמה, נאך מעהר צו פערשארפען, צושלא-קערען.

צי ווייסט נישט דער רעדנער, דאס אויב עס וואלט קיין אזא „רחבעם" נישט געווען, וואלט אזא חוטא'דיגער „ירבעם בן נבט" אויך נישט געווען און ס'דאכט זיך דאס מיר האבען שוין גענוג געזעהען צו-וואס אזא אבשטוי-סענדע „רחבעם-פאליטיק" האט דער-פיהרט...

צו-וואס זאל מען אלזא נאך טיעפער זינקען אין דער בלאטע און בעגעהן דאס ווייטערע נארישקייט, וואס רחבעם האט געטהון — צו פערפאלגען און האלטען מלחמה מיט די אבגעריסענע שבטים, וואס האט נאך מעהר פער-טיעפט און פערברייטערט דעם תהום פון שנאה צווישען די צוויי פאלקס-טיילען: מלכות יהודה און מלכות ישראל, וואס האט דערפיהרט צו חורבן און אונטערגאנג פון ביידע מלוכות?

וואלט נישט גלייכער געווען איינצו-שטילען די צוהיצטע געמיטער און זוכען א וועג פון שלום, וואס מיר האלטען, אז עס איז נאך נישט צו שפעט, און מיט אלע כחות בעמיהען זיך דעם אבגעריסענעם לעבעדיגען ציוניסטיש-רעוויזיאניסטישען אבר צוריק צוזופצושטעלען מיט'ן ציוניסטישען גוף, אז ער זאל מיט פערדאפעלטער קראפט ארבייטען צוזאמען פאר אונזער געמיינזאמען ערהאבענעם ציעל.

צי איז דאס די אויפגאבע פון א „קרן-היסוד"-בעאמטען צו פערטיפען דעם תהום פון פירוד? צי קען אזעל-כער נישט בעגנוגען זיך מיט האלטען א פאזיטיווע רעדע פאר „קרן-היסוד"? צי פעהלט אויס שטאף אויף דעם גע-ביעט פון צו רעדען בחיוב וועגען די גרויסע וויכטיגקייט, וואס דער „קרן-היסוד" איז פאר דעם אויפבוי פון ארץ-ישראל פאר'ן יודישען פאלק?

נישט בלויז ביי ירבעם בן נבט'ן ווילט זעהען די חטאים! זעהט זיי אויך ביי זיך — ביי די, וואס טוען פארט-זעצען די רחבעם-פאליטיק — וועט אנשטאט א ווייטערע און נאכמעהר פערשארפטע מלחמת-אחים, קומען צו א התקרבות און צו א ברידערליכען שלום!

ODCISKI
ZGRUBIAŁA SKÓRE I BRODAWKI
USUWA BEZ BÓLU I BEZPOWROTNIE
KLAVIOL
AP. KOWALSKI

עזריאל יאקובאוויטש

ווער זענען די יודענשטאטלער?

עס טרעפט פיעל מאל, אז די געהסט פערביי פאר א מאנופאקטור-געשעפט אדער בעסער-געזאגט, פאר א געשעפט, אויף וועמענס שילד עס געפינט זיך אנ'אויפשריפט: „דא בעקומט מען מא-נופאקטור-סחורות" און דו ווערסט ער-שטוינט, ווען ארייגעהענדיג אינעווע-ניג, כדי צו קויפען א שטיקעל מאנו-פאקטור, ערקלערט דיר גאר דער סוחר, אז דא בעקומט מען סאדע-וואסער, ציבעלעס, ברען-שוועבעלעך און אנדע-רע קליינינגקייטען ווי דער שטייגער, פרעגסטו דעם סוחר, הלמאי אי-בער'ן געוועלב געפינט זיך אנ'אויפ-שריפט וועגען מאנופאקטור, דערויף ערקלערט דער סוחר, אז דא איז טאקע אמאל געווען א מאנופאקטור-געשעפט, נאר היות ער האט נישט קיין געלד אויף איבערצוענדערשען די שילד, גע-פינט זי זיך נאך ביז היינט מיט דער אלטער אויפשריפט.

דאס זעלבע דערמאנט מיך אקעגען דער אזוי-גערופענער „יודענשטאטס-פארטיי. אמת, די פארטיי טראגט טאקע דעם הויך-קלינגענדיגען נאמען „יודענ-שטאט", דאך איז נישט געדריגגען, אז זיי זענען יודענשטאטלער, ווייל קיינמאל דעצידירט דאך נישט דער נאמען, דעצידירען קאן גאר די אידעע, די ריכטליניע און דער געדאנקען-גאנג פון דער געגעבענער פארטיי.

אמת, אז מיט צעהן יאהר צוריק, ווען עס איז געשאפען געווארען דער רעוויזיאניזם זענען טאקע די הערען פון דער „יודענשטאטס-פארטיי" געווען יודענשטאטלער הונדערט פראצענטיגע, אבער ווען זיי געפונען זיך אין דער אלטער ציוניסטישער ארגאניזאציע קא-נען זיי דאך קיין יודענשטאטלער נישט זיין, ווייל די אלטע צ. א. האט דאך פערלאזט הערצלס יודענשטאטס-ירושה, הערצל'ס גרויסצוגיגקייט און דרייסט-קייט, אפאטיע, מוטלאזיגקייט און אונ-גלויבען, מיט וועלכע עס זענען בע-הערשט די פיהרער פון דער אלטער צ. א., האט דאך שוין געמאכט א תל צו הערצלס חלומות אין זיין פאליטי-שען ציוניזם.

מען וויל איינרעדען, אז צוליב דעם וואס עס זענען פערהאן צוויי ציוניס-טישע ארגאניזאציעס—אלטע צ. א. און נייע צ. א. אדער בעסער געזאגט: צו-ליב דעם וואס די רעוויזיאניסטען זע-נען ארויסגעטרעטען פון דער אלטער צ. א., קומען אויף'ן יודענשטאט די אלע גזירות פון דער ענגלישער מאנדאטאר-מאכט, ווי בעגרענעצונג פון עליה, לע-גיסלאטיוו-ראט, שטראפען פאר אונלע-גאלע א. א. וו. איז דאס דען נישט אנ'אבסורד? צי וואס זיך לעכערליך מאכען? ווי לאנג וועט איהר נאך אזוי קוקען אויף די אלע פראגען מיט אזא נאאיוויטעט.

יעדער לאגיש-דענקענדער מענש, וועלכער קוקט מיט אפענע אויגען און אבסערווירט דאס אלץ, וואס קומט פאר ארום ארץ ישראל, מוז דאך קומען צו דער מסקנא, אז די אלע גזירות גע-שעהען א דאנק דעם צוריקקעהר פון פראפ. ווייצמאן צו דער פיהרערשאפט אין דער אלטער ציונ. ארגאניזאציע. מיט זיין צוריקקעהר איז דאך געגעבען געווארען דער רעגירונג די מעגליכקייט אדורכצופיהרען איהרע אלע אנטי-יודי-שע געזעצען. די מאנדאטאר-מאכט ווייס דאך, אז די איצטיגע ציוניסטישע ארגאניזאציע וועט נישט שטעלען קיין עקשנות'דיגען ווידערשטאנד זייערע פלענער.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו די אויפריכטיגע מיטגלידער פון דער „יו-דענשטאטס-פארטיי", אין וועמענס טיע-פען הארצען עס טליעט נאך א יודענ-שטאטס-פונק, אריינצוטרעטען אין דער נייער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וועל-כע זעצט פאר הערצל'ס וויזיע און פער-טרעט דעם אמת'ן אהן-קאמפראמיסלאזען יודענשטאטס-געדאנק.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאסעלעוויטשא 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושאַרניע)
אונטער דער לייטונג פון אנ'אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין ווארשא מיט לאנג-יעהריגער פראקטיק
ספעציאליטעט:
1) פארבען לויט מוסטערן,
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט).
3) כעמיש ריינינגען און פאסאנירען קאפעלושען.
4) וואשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויער-האפטען שפיגעל-גלאנץ.
די פרייזען בעדייטענד ערנידריגט.

זיך נאך בעצאהלטע יודישע אנאנסען, ווען אבער א יודישער סוחר האט א געוויסע טענה צום „גאניעץ", בויגט מען זיך פאר איהם אין דרייען, אבי ער זאל נאר געבען דעם אנאנס פאר די פאר גראשען. ווען עס קומט אבער צו געבען א פאר ווערטער וועגען א יודען פאר וועלכען ס'ווערט נישט בע-צאהלט, וועט עס דער „גאניעץ" בשום אופן נישט טהון.

דעם פערגאנגענעם מאנטאג איז דורך דער איניציאטיוו פון היגען קאמעראל-טעאטער אויפגעטרעטען דער בעריהמ-טער פיאניסט מינץ. האט די דירעקציע געגעבען אין אלע צייטונגען נאטיצען און אויך דאס בילד פון קינסטלער, האבען עס אלע צייטונגען טאקע אב-געדרוקט, אויסער דעם „גאניעץ", וועל-כער האט נישט געוואלט מטמא זיין צייטונג מיט א יודישען קינסטלער, איינ-דערצייט ווען ער קריגט נישט דערפאר קיין געלד, פאר אבדרוקען בילדער פון קינסטלער ווערט נאטירליך נישט בע-צאהלט.

ער איז קאנסעקווענט דער „גאניעץ". דער יוד איז טאקע טריף, נאר זיין גראשען איז כשר. בעצאהלסטו—בע-האנדעל איך דיך מיט דער גוטער מאס, און טאמער בעצאהלסטו נישט, ווער-סטו בעהאנדעלט מיט דער צווייטער מאס...

איינס צוויי...

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון „טאז" דארף זיין א מוסטער, ווי אזוי עס דארפען געפיהרט ווערען אלגעמיינע פערזאמלונגען.

די געזעלשאפט „טאז" איז איינע פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס אין אונזער שטאדט, הן לויט איהר אלזיי-טיגע טעטיגקייט אויפ'ן געביעט פון אבהיטען דאס געזונד פון דער יודי-שער בעפעלקערונג אין אונזער שטאדט, הן לויט איהר מוסטערהאפטער אדמי-ניסטראטיווער פיהרונג.

אט די דאזיגע אינסטיטוציע האט, ווי געוועהנליך, יעדעס יאהר איהר אלגעמיינער פערזאמלונג. קומען צוגעהן אנ'ערך 50 פערזאן, הערען אויס דעם בעריכט, בעשטעטיגען דעם בודזשעט און וועהלען אויס א טייל פערוואלטונגס-מיטגלידער אויפ'ן ארט פון די ארויס-געלאסעוועטע, דאן א רעוויזיאנס-קא-מיסיע און שלוס—די פערזאמלונג איז געענדיגט.

דערביי מוז מען פעסטשטעלען, אז זינט עטליכע יאהר פיהרט אן מיט דער אלגעמיינער פערזאמלונג דער אדוו. ד. מארקאוויטש. מעגליך, אז אין זיין זכות ווערט די פערזאמלונג אזוי מוס-טערהאפט שנעל פערענדיגט; א פאקט איז אבער, אז אלע געזעלשאפטען, אינסטיטוציעס און פעראיינען וואלטען זיך געמעגט קומען לערנען ביים „טאז", ווי אזוי אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג דארף געפיהרט ווערען.

עס ווערט ערלעדיגט איינס צוויי...

א יודישע מלחמה...

געשעהען איז עס זונטאג אין „מכבי"-זאל.

עס האבען געהאלטען מלחמה צוויי יודישע באקס-דרוזשינעס: דער היגער „מכבי" מיט דער סאסנאווצער „נאר-דיא".

בייוואוינען די דאזיגע „מלחמה" זע-נען געקומען א היבשער עולם, סיי אנ-הענגער פון „מכבי" און סיי א גרויסע צאהל רעוויזיאניסטען, אנהענגער פון דער סאסנאווצער „נארדיא" (נארדיא איז א רעוויזיאניסטישער קלוב).

געשמועסט האט מען, אז „נארדיא" איז א שטארקער קלוב און קומט גע-ווינען די מלחמה אויף גאנצע הונדערט דערט פראצענט, אזוי למשל ווי אי-טאליען האט גערעכענט צו געווינען ביי אביסיניען. אויסגעלאזט האט זיך גאר אנדערש—די סאסנאווצער באקסער זענען אוועקגעפאהרען מיט א גרויסער עולה, ליידענדיג גרויסע פערלוסטען.

אנגעהויבען האט זיך דער קאמף זעהר פיין, דהיינו: צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון באקס-קאמפען אויפ'ן היגען פלאץ איז די פארמעלע בעגריסונג פארגעקומען אויף יודיש, געהאלטען דורכ'ן ה' ניעמיראווסקי אין נאמען פון היגען „מכבי".

דאן זענען פארגעקומען די קאמפען. מילא איך האב דאך שוין בייגעוואוינט א סך באקס-מעטשען, נאר אזויפיעל געשרייען, פייפערייען, ווי דאס מאל, האב איך נאך נישט געהערט. דער זאל האט ממש געדינערט, ווי פון 42-ער הארמאטען. דאס האבען אזוי געליארמט די אנהענגער פון ביידע צדדים. און היות ווי געווינען האבען כסדר אונזערע מכבי'סטען, האבען די סאסנאווצער געסט מיט דער מיטהילף פון היגע רעוויזיאניסטען, וועלכע זע-נען געקומען אין א גרויסע צאהל (כן ירבו!), פראטעסטירט און מיט געוואל-דען געוואלט אויסקעמפען פאר זייערע חברים דעם נצחון. היות אבער ווי אונזערע יאטען זענען געווען בעסער, האבען אפילו די געוואלטען נישט גע-האלפען און די סאסנאווצער זענען אוועק מיט ריסיק אברים.

פונדעסטוועגען קאן מען די סאס-נאווצער נישט אוועקמאכען מיט דער האנד. אויך זיי זענען גאנץ נישט-קשה'-דיגע באקסער, ווארום, אויב זיי הא-בען געקאנט אויסהאלטען דעם האגעל פון קלעפ פון כוואטען, דימאנטען א. אנד. זענען זיי ווירקליך העלדען.

דער עיקר אבער, וואס איך וויל דא בעמערקען איז, אז עס איז געווען די אמת'ע יודישע מלחמה, אמת, מען האט אויך בענוצט הענד און דוקא שטארקע הענד, נאר דאך האט מען מיט'ן מויל מעהר געקעמפט, ווייל אויף יעדען קלאפ, וואס א באקסער האט געגעבען דעם צווייטען, האבען די מיילער גע-ארבייט הונדערט מאל אזויפיעל—ס'איז געווען אנ'אמת-יודישע מלחמה...

אז נישט ליינען, טאר מען אויך נישט לערנען...

אין קראקאווער שטיבעל (סענא-טארסקא 18) האט א פאר יאהר כסדר פערנומען דעם אמט אלס בעל-קורא דער ה' מ—טש, וועלכער איז א גרוי-סער בעל-דקדוק און דאס ליינען איז ביי איהם ארויסגעקומען אגיל ואשמח'-דיג, מיט אלע פיטשעווקעס. לעצטענס איז אויסגעבראכען א שטיקעל סכסוך טאקע וועגען דעם דקדוק, מחמת די קראקאווער חסידים (קראקא שמעקט מיט גאליציע...) זענען נישט אזוי שטארק מדקדק און האבען געהאט א טענה, אז דאס ליינען געדויערט א ביסעל צו לאנג. האט דאך דאס פער-דראסען דעם ה' מ—טש און ער האט דימיסיאנירט, שוין, אויס בעל קורא. האבען אבער די קראקאווער חסידים גע'טענה'ט: לא! ליינען מוזטו, נאר זיי דו אויך נישט אזוי שטארק מדקדק...

הכלל, ה' מ—טש, זעהענדיג, אז ער וועט מיט די קראקאווער גארנישט מא-כען, איז ער אינגאנצען אוועק פון שטיבעל און די קראקאווער האבען לאין ברירה צוגעלאזט ליינען אזעל-כען, וועלכער איז שוין גארנישט מדקדק, אפילו אויף א „לא תעשה" פון די עשרת הדברות... נישט דאס בין איך אויסען. דערפאר אבער הא-בען זיי בעשלאסען זיך נוקם צו זיין אין דעם אלטען בעל-קורא.

די נקמה איז בעשטאנען אין פאל-גענדען:

שוין א פאר יאהר צייט לערנט דער ה' מ—טש צוזאמען מיט א חסיד יעדען אווענד אין דעם שטיבעל, האבען די חסידים בעשלאסען איהם נישט צו לא-זען לערנען. ממה נפשך: ווילסטו נישט ליינען, טארסטו אויך נישט לערנען. עס איז שוין זאגאר פארגעקומען א דין-תורה וועגען דעם ענין, אבער די קראקאווער חסידים האבען זיך איינגע-שפארט און טאקע אויסגעפיהרט. דער ה' מ—טש מוז זיך איצט זוכען אנ'ארט, וואו ער זאל קאנען יעדען אווענד אב-לערנען זיין בעשטימטען שיעור.

די „קראקאווער" האלטען זיך ביי דעם פרינציפ, אז אויב נישט ליינען, טאר מען אויך נישט לערנען...

לויתן.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געז. „טאז".

שבת אין אווענד איז פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געז. „טאז".

די פערזאמלונג עפענט פרעזעס דר. סטעפאן קאהן, וועלכער בעט די פער־זאמעלטע צו בעעהרען דעם אנדענקען פון מארשאל פילסודסקי. דאן ווערט נאך בעעהרט מיט אויפשטעהן דער אנדענ־קען פון פארזיצער פון דער צענטראלע, דר. צמח שאבאד און „טאז"־טהוער ריכטער הימעלפארב.

אלס פארזיצער ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט אדוו. ד. מארקאוויטש, אלס בייזיצענדע: אינזש. פשיסוסקער און דר. ב. טענענבוים און אלס סעק־רעטאר פראפ. לעאן ווינשטאק.

דר. סט. קאהן גיט אב דעם בעריכט, וועלכער נעמט ארום די אלזייטיגע טע־טיגקייט פון „טאז".

דער בעריכט ווערט איינשטימיג אנ־גענומען און עס ווערט אויסגעדריקט דער פערוואלטונג אבסאלוטאריום.

דער פארזיצער אדוו. ד. מארקאוויטש דערמאנט, אז בעת דער פאריעהריגער אלגעמיינער פערזאמלונג האט דעם פרא־טאקאל געפיהרט פרל. זאפיא ווינשטאק, וועלכע איז נישט מעהר צווישען די לעבעדיגע און בעט צו בעעהרען איהר אנדענקען מיט אויפשטעהן.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 27.700 זל. ווערט אנגענומען.

אויפ'ן פארשלאג פון דר. סט. קאהן ווערט אויסגעדריקט א דאנק די אלע דאקטוירים, וועלכע ארבייטען אין „טאז" אינגאנצען אומזיסט אדער פאר א קליי־נעם האנאראריום.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רעזול־טאט: אויפ'ן ארט פון די אבטרעטענדע ווערען אויפסניי געוועהלט די ה"ה: דר. סטעפאן קאהן, דענט. א. פרץ, דר. הירשבערג, דראווא שלייכעראווא און דראווא ב. העלמאנאווא; אלט פערטרע־טער די ה"ה: דר. ב. טענענבוים, ש. ניעמיראווסקי און וו. באלקאווסקי; אין דער רעוויזיאנס־קאמיסיע די ה"ה: ג. פרעגער, א. וויינטרויב און א ווערגער; פערטרעטער: י. ענגעל און מ. עפשטיין.

נאכדעם ווי עס ווערט אויסגעדריקט א דאנק דעם פרעזעס דר. ס. קאהן און דעם סעקרעטאר י. ראזינער פאר דער טיכטיגער ארבייט לטובת דעם „טאז", ווי אויך דעם אדוו. ד. מארקאוויטש פאר'ן פיהרען דעם פארזיץ, ווערט די פערזאמלונג געשלאסען.

אין קינא „לונא"
מאנטאג, ד. 27 ד. ח. 9.30 אווענד
„דער קאבארעט = זינגער"
מיט וויערא קאניעווסקא
און פאול ברייטמאן.

א וויכטיגע פערזאמלונג אין סוח־רים־פעראיין.

זונטאג, דעם 26 יאנואר ד. י. האלב 9 א זייגער אווענד קומט פאר אין סוחרים־און פאבריקאנטען־פעראיין, אלעע וואלנאשטשי 3-5, אן'אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע מיטגלידער־פערזאמלונג, גע־ווידמעט דער פראגע פון נאוועליזאציע פונ'ם געענדערטען געזעץ וועגען לא־קאטארען־שוץ.

דאס נייע געזעץ, וואס איז געווא־רען פערעפענטליכט אין דעקרעט פון מלוכה־פרעזידענט פון 14 יאנואר 1935 האט אויסגעשלאסען פון לאקאטארען־שוץ אלע האנדעלס־און אינדוסטריע־אונטערנעהמונגען, מיט'ן אויסנאהם פון לאקאלען, וועלכע זענען פערנומען דורך אונטערנעהמונגען, וועלכע זענען לויט'ן געזעץ פון מלוכה'שען אינדוסטריע־שטייער געזאר'ען פערעכענט אין יאהר 1935 צו אינדוסטריע אונטערנעהמונגען פון 7־טער און 8־טער קאטעגאריע, אדער האנדעלס־אונטערנעהמונגען פון 4־טער קאטעגאריע.

דער דאזיגער דעקרעט פערערגערט שטארק די ווירטשאפטליכע לאגע פון סוחר'טום, וועלכעס ווערט געשטעלט נעבען פיעל סאציאלע און שטייער־בעלאסטונגען אין געפאהר פאר'ן הע־כערען דאס דירה־געלד פון די האנ־דעלס און אינדוסטריע לאקאלען.

כדי צו פערבעסערן דעם דאזיגען מצב, ווערט דורך דעם פעראיין אונ־טערגענומען אנ'ענערגישע ברייטע אקציע, וועלכע פערלאנגט אבער די הסכמה און מאראלישע אונטערשטיצונג פון יודישען סוחר'טום. אין אייגענעם אינטערעס דארפען דעריבער די מיט־גלידער צאהלרייך צו קומען אויף דער פערזאמלונג, וועלכע איז געווידמעט די דאזיגע ענינים.

חוץ דעם וועט דער יודישער ראט־געבער פון פעראיין, אדוו. מ. האסענ־פעלד. האלטען א רעפעראט, אין וועל־כען ער וועט בעקענען די מיטגלידער מיט די נייעסטע ענדערונגען אין שטייער־וועזען.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון בלעכער און דעקער צעך.

פערגאנגענעם זונטאג איז אין איי־גענעם לאקאל פארגעקומען די יעהר־ליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון בלע־כער און דעקער צעך.

די פערזאמלונג עפענט דער סטארשי מענדעל בלום. אלס פארזיצער ווערט געוועהלט ה' גאנשעראוויטש. בייזי־צענדע: שווארצבוים און כאסקלאוויטש. סעקרעטאר ה' וויענער.

דעם טעטיגקייטס בעריכט גיט אב ה' בלום. דעם קאסע בעריכט ה' וויע־נער.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 380 זל. ווערט בעשטעטיגט.

אויפ'ן ארט פון די אבטרעטענדע ווערען אויסגעוועהלט ה. פריימאן (פאר סטארשע) שאכער, פיעכאטע און ווער־שאווסקי.

מאנטאג, ד. 27 ד. ח. 9.30 אווענד
„דער קאבארעט־זינגער"
אין קינא **„לונא"**

א זעלטענער יום־טוב אין דער שוהל „אהל יעקב".

די מתפללים פון דער שוהל „אהל יעקב" פראוועןָ דעם היינטיגען שבת ר"ח שבט פ' וארא, א זעלטענע פייע־רונג לכבוד דעם 50־יעהריגען יובל זינט ה' אפרים באכענעק איז געווארען צום ערשטען מאל געוועהלט אלס גבאי און דעם דאזיגען אמט פערנעמט ער ביז'ן היינטיגען טאג.

אלס אויסדרוק פון אנערקענונג און סימפאטיע פאר'ן גבאי ה' אפרים באַ־כענעק ווערט דער היינטיגער שבת פערוואנדעלט אין דער שוהל „אהל יעקב" אין א גרויסען יום טוב.

צו אלע מיטגלידער זענען געווארען צושיקט ספעציעלע איינלאדונגען, וועל־כע זענען זיי מודיע וועגען דעם זעל־טענעם יובל און לאדנען זיי איין דע־ריבער צום דאווענען און אנטיילנעמען אין יום־טוב.

וויערא קאניעווסקא
פאול ברייטמאן
האבען גאסטראלירט אין ווארשא
אין משך פון 2 יאהר.

פון האנדווערקער לעבען.

מארגען שבת 6 אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל אלעע 12 די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון יודישען שניידער צעך מיט'ן געהעריגען טאג־ארדנונג.

זונטאג דעם 26־טען 3 א זייגער נאכמיטאג וועט פארקומען אין אייגע־נעם לאקאל אלעע 12, די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון יודישען בעקער און צוקער־בעקער־צעך מיט'ן געהעריגען טאג־ארדנונג.

זונטאג, דעם 26־טען ד. ח. 8 א זייגער אווענד קומט פאר אין אייגע־נעם לאקאל אלעע 12, די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון יודישען מעטאל־צעך מיט'ן געהעריגען טאג־אר־דנונג.

ווער וועט זיין הויפט־דאקטאר פון דער היגער אובעזפיעטשאלניע?

דער בעפרייטער אמט פון הויפט־דאקטאר אין דער טשענסטאכאווער אובעזפיעטשאלניע איז דורך דעם אנ־שטאלט פאר עפענטליכע פערזיכערונגען אין ווארשא, געווארען אנגעבאטען דעם דר. סטאניסלאוו שוועדאווסקי, וועלכער פערבראכט איצט אין ווארשא אויף א קורס פון מעדיצינישע ראדיאלאגיע.

מ'טיילט אבער מיט, אז דר. שווע־דאווסקי האט די דאזיגע פראפאזיציע נישט אנגענומען, נישט וועלענדיג זיך צוריקציהען פון דער מעדיצינישער פראקטיק און פון פיהרען די אנטי־טובערקולאז־אקציע, וואס ער וואלט געמוזט איבעררייסען מיט'ן מאמענט פון איבערנעמען דעם אמט פון הויפט־דאקטאר.

היינט—די גראנדיעזע מענדעלע־אקאדעמיע.

היינט, פרייטאג פונקטליך 8 אווענד קומט פאר אין זאל פון די פייערלעשער די גראנדיעזע מענדעלע אקאדעמיע.

צו דער דאזיגער אקאדעמיע קומט אראב רעד. נחמן מייזעל, וועלכער וועט האלטען א רעפעראט וועגען לעבען און שאפען פון דעם זיידען פון דער יודי־שער ליטעראטור.

דער בעוואוסטער ארטיסט און רעצי־טאטאר זשאק לעווי וועט רעציטירען אין גרים פון די שאפונגען פון מענדע־לע'ס ווערק. אויך וועט פארקומען א קאנצערט אויסגעפיהרט דורך ה' זאמער־פעלד (וויאלין) און ה' ריכטער (געזאנג). די ביהנע וועט זיין דעקארירט דורכ'ן קינסטלער פראפ. ווילענבערג.

מיט איין ווארט, די איניציאטארען האבען געזארגט, אז די אקאדעמיע לכבוד דעם הונדערט־יעהריגען געבוי־רענטאג פון שעפער פון דער יודישער ליטעראטור מענדעלע מוכר ספרים זאל אויספאלען וואס אימפאזאנטער.

די ליבהאבער פון דער יודי־שער קולטור וועלען בעשטימט קו־מען אויף דער דאזיגער אקאדעמיע, כדי דערמיט צו מאניפעסטירען זייער צוגע־בונדענקייט צו דער שעהנער יודישער ליטעראטור.

נאר איין גאסט־אויפטריט פון וויערא קאניעווסקא און פאול ברייטמאן אין קינא „לונא".

די היגע טעאטער־בעזוכער איז אפשר נישט בעקאנט די נעמען פון די צוויי וועלט־בעריהמטע אפערעטען־ארטיסטען וויערא קאניעווסקא און פאול ברייטמאן, אבער פאר דער פרעסע פון דער גאנ־צער וועלט זענען זיי נישט קיין נייעס.

וויערא קאניעווסקא און פאול בריי־טמאן האבען גאסטראלירט אין דער גאנ־צער וועלט, אין אמעריקא, ענגלאנד, פראנקרייך, רומעניע, טשעכאסלאוואקיי, בפלגיע און איבעראל וואו יודיש טע־אטער ווערט נאר געשפילט, אפילו אין דעם ווייטען אפריקע (וואו יודישע אקטיארען קומען זעלטען) זענען די קינסטלער־פאר שוין איינינע מאל איינ־געלאדען געווארען דורך פערשידענע געזעלשאפטען פון וואנען זיי קומען אגב איצט צו פאהרען.

וויערא קאניעווסקא און פאול בריי־טמאן האבען זיך ביי אונז אין פוילען בעריהמט־געמאכט מיט דער אפערעטע „דאס פאנסיאן־מיידעל", אין וועלכער פיעסע וויערא קאניעווסקא האט גאסט־ראלירט אין ווארשא צוויי יאהר אהן איבעררייס.

זעלטען ווען די קינסטלער־פאר בע־ווייזען זיך אויף דער פראווינץ, ווייל זיי שפילען שטענדיג אין די גרעסטע צענטערס פון יעדען לאנד, בעווייזען זיי זיך אבער אין א פראווינץ־שטאדט, איז אין דער שטאדט א גאנצער יום־טוב, שטענדיג פערפעהלען בילעטען אויף זייערע גאסטשפילען.

די היגע טעאטער־בעדינגונגען ערלוי־בען נישט די קינסטלער צו פערבלייבען מעהר ווי אויף איין טאג, ווייל דער קינא „לונא" איז פערנומען און קיין אנדערע טעאטער־בנינים זענען אויך נישטא.

עס ווערט געגעבען ווי מיר זעהען דורך די אפישען די מעלאדישע אפערע־טע „דער קאבארעט־זינגער". גאר א גרויסע קריטיק מיט א סך לויב־געזאנג פאר די קינסטלער אין דער פרעסע פון אלע וועלט־טיילען געפינען מיר.

דעריבער איז כדאי אונטערצושטרייכען, אז דער אנפיהרער פון דער טרופע ב. אס האט טאקע צוזאמענגעשטעלט אנ'ערשטקלאסיגען אנסאמבל און מאנטאג, דעם 27־טען ד. ח. וועט טשענסטאכאוו האבען א טעאטער־יום־טוב.

גאנץ טשענסטאכאוו בעגעגענט די קינסטלער־פאר אין קינא „לונא".

יום־טוב אין שטאדט!
וויערא קאניעווסקא
פאול ברייטמאן
אין זייער שלאגער־אפערעטע

דער זאווירטשער חזן ה' אונגער אין דער שטאדט־שוהל.

ווי מיר ווערען געוואויר וועט היינט פרייטאג און מארגען שבת ראש חודש דאווענען אין דער שטאדט־שוהל אויף פראבע דער זאווירטשער חזן ה' אונ־גער.

אויפרוף
צו דער טשענסטאכאווער יודישער בעפעלקערונג

בירגער! זייט עטליכע חדשים עקזיסטירט אין אונזער שטאדט אנ'אר־גאניזאציע, וועלכע פעראייניגט קאמבאטאנטען (געוועזענע פראנט־קעמפער) און רעזערוויסטען־יודען. דער ציעל פון דער דאזיגער ארגאניזאציע איז: צו שטארקען דעם בירגערליכען גייסט פון די געזו. זעלנער, צו ארבייטען פאר'ן וואויל פון דער מלוכה אין נאמען פון דער אידעע, וואס איז אונז איבער־געלאזט געווארען דורכ'ן גרויסען פיהרער—מארשאל יוזעף פילסודסקי און גלייכצייטיג צו פערשטארקען די יודיש־נאציאנאלע געפיהלען ביי די מיט־גלידער, ווי אויך אונטערשטיצען די שטרעבונגען פון דער יודישער געזעל־שאפט צו שאפען א נאציאנאלע היים אין ארץ־ישראל.

מיט'ן פערעפענטליכען דאס דערמאנטע, שטרעבען מיר צו אונטער־שטרייכען פאלגענדעס: אונזער ארגאניזאציע איז נישט געשאפען געווארען מיט'ן ציעל צו קאנקורירען מיט אנ'אנדערער ביי אונז אין שטאדט עקזיס־טירענדער ארגאניזאציע; מיר געהן מיט אונזער אנגעצייכענטען וועג, יעדער אנדערער דאגענען זאל געהן זיין וועג. מיר שטרעבען, אז יעדער זאל זיך האלטען דעמזעלבען פרינציפ. יעדענפאלס ערלויבען מיר זיך צו בעטאנען: אז אזוי ווי פון איין זייט זענען מיר גרייט צו יעדער מינוט מקריב צו זיין די גרעסטע קרבנות פאר דער פערטיידיגונג פון דער פוילישער רעפובליק, וואס מיר האבען שוין איינמאל בעוויזען אויף די שלאכט־פעלדער, האלטען מיר זיך פון דער אנדערער זייט פאר פולווערטיגע בירגער פון דעם לאנד און פאר טרייע זיהן פון יודישען פאלק, מיט'ן בעוואוסטזיין פאר זיינע שמער־צען, ליירען, טראדיציעס און שטרעבונגען. מיר, די ערשטע קאמבאטאנטען אין פוילען האבען אנגעצייכענט אויף אונזער פאהן דעם יודישען נאציאנאלען שטאלץ, וואס איז אונז הייליג און טייער און מיט וועלכע מיר שעהמען זיך נישט און דעקען עס נישט צו אונטער'ן מאנטעל פון פאראגראפען און פרא־זען. אונזער ציעל איז עהרליכע און קרבנות'פולע ארבייט פאר פוילען און גלייכצייטיג פאר דער אויפלעבונג פון א יודישער נאציאנאלער היים אין ארץ־ישראל. מיר שטעהן אויפ'ן שטאנדפונקט, אז די דאזיגע ציעלען זענען נישט אין סתירה מיט זיך, אין געגענטייל—זיי שטיצען זיך געגענזייטיג. נור א גרויס און מעכטיג פוילען מיט א שטארקער רעגירונג גיבען זיך נישט אונטער קיין פארטייען און רעאקציאנערע טענדענצען. אונזערע ציעלען גי־בען דעם לאנד א אויסערליכע זיכערקייטס־גאראנטיע און זיינע בירגער פון אלע שיכטען און נאציאנאליטעטען די שוץ פאר אנ'אימפארטירטער גאנגרענע פון אויסלאנד און גלייכצייטיג די ענטוויקלונג פון א יודישער נאציאנאלער היים אין ארץ־ישראל. מיט געוויסע סענטימענטען און צוגעבינדענקייט צו פוילען קענען אויך געבען דער פוילישער רעפובליק גרויסע פערדינסטען צו איהר וועלט־שטעלונג.

אונזערע סטאטוטען זענען בעשטעטיגט דורך דער מלוכה־מאכט און זענען בעקאנט דער פעדעראציע פון די פוילישע פאטערלאנדס־פערטיידיגער.

פון פראקטישען שטאנדפונקט איז אונזער הויפט־אויפגאבע צו פערשפריי־טען קולטור, וויסענשאפט און פיזישע ענטוויקלונג, ווי אויך געגענזייטיגע הילף פאר די מיטגלידער. די דאזיגע ארבייטען גיבען מיר זיך אב עהרליך און געוויסענהאפט. מיר רעפלעקטירען דעריבער נור אויף אזאלכע מיטגלידער, וועלכע ליעבען און קענען די דאזיגע ארבייט און זוכען נישט קיין בענקלעך און כיבודים, ווארום מיר האבען נישט אזאלכע און טיילען זיך נור מיט אונ־זער אידעע און ארבייט. דעריבער איז דורך אונז געגרן געזעהען יעדער מענש מיט גוטען ווילען און יעדער עהרליכער בירגער פון דער פוילישער מדינה, וועלכער איז א נאציאנאלער יוד און פעראנטווארטליך פאר אונזער צוקונפט. אלע בירגער־יודען, וועלכע זענען אין דער זעלבער מיינונג וואס מיר, האבען דעם צוטריט צו אונזערע רייהען אלס קאמבאטאנטען און רעזערוויסטען, אדער אלס פאסיווע מיטגלידער. יעדער וועט ביי אונז געפונען א געביעט פאר קולטור־ארבייט און יעדער וועט זיך ערווערבען אונזער הייסע דאנקבאר־קייט, ווען ער וועט ערטיילען זיין מאטעריעלע אונטערשטיצונג אדער מיט־ארבייטען מיט די געוועזענע יודישע זעלנער פון דער פוילישער מלוכה, וועלכע האבען זייער בלוט פערגאסען פאר דער פערטיידיגונג פון אלע אהן אונטערשיעד בירגער דאמאלס, ווען די מלוכה איז געווען אין געפאהר.

דעריבער, טרעט־אריין אין אונזערע רייהען; ווייזט ארויס אייער פער־שטענדניש פאר אונזער זעהר אקטועלער ארגאניזאציע אין דער יעצטי־גער צייט!

לשם אינפארמאציע גיבען מיר אן, אז די קולטור־ארבייט אין אונזער ארגאניזאציע איז אין פולען גאנג. עס זענען געווארען ארגאניזירט פאפולערע פארטראגען דורך א פאלקס־אוניווערזיטעט. עס קומען שוין פאר פארטראגען אויפ'ן געביעט פון אלגעמיינער געשיכטע, געאגראפיע פון פוילען, געאגראפיע פון ארץ ישראל, וויסענשאפטליכע ערקלערונג פון שיס־מאטעריאלען, גאזען, ווי אויך גאז־פערטיידיגונג, היגיענע און ערשטע מעדיצינישע הילף. נאכ'ן ענדיגען די קורסען וועלען ארויסגעגעבען ווערען די מיטגלידער דיפלאמען. חוץ דעם ווערען געהאלטען רעפעראטען אויף אקטועלע געזעלשאפטליכע טע־מעס. אין דער ארגאניזאציע זענען אויך פערהאן קורסען פאר אנאלפאבעטען, א דראמאטישע סעקציע און א כאר.

אלע דאזיגע ארבייטען ווערען געפיהרט ענערגיש און אהן שום בעלוי־נונג דורך פאכמענישע קרעפטען, וועלכע גיבען אב זייער צייט און כח פאר'ן וואויל פון דער געזעלשאפט, מיר זענען זיכער, אז יעדער, וואס וועט זיך נעהנטער בעקענען מיט אונזער ארבייט, וועט בעקומען דערפאר רעספעקט און געגרן ערטיילען זיין מיטהילף. אין דער ריכטונג ווענדען מיר זיך מיט א הייסען רוף צו דער געזעלשאפט:

העלפט אונז, אז מיר זאלען זיין שטארק און אייך קענען אין א נויטי־גער צייט מיטהעלפען:

פעראיין פון יודישע קאמבאטאנטען
אין טשענסטאכאוו.

פון בע"ם.

היינט פרייטאג 7 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון בע"ם א אויסערגע־וועהנליכע אסיפה מיט'ן אנטייל פון ח' צבי קאנטאר.

— שבת, דעם 25 ד. ח. 3.15 נאכמ. קומט פאר אנ'אסיפה געווידמעט אקטו־עלע ענינים, געפיהרט דורך ע. יאקו־באוויטש.

— צוזאמען מיט דער 7־טער רעווי־זיאניסטישער לאנדעס־קאנפערענץ, וועל־כע קומט פאר אין חודש פעברואר, וועט אויך פארקומען א קאנפערענץ פון ב"עס. די לעגיטימאציע־אקציע צו דער רעווי־זיאניסטישער קאנפערענץ ווערט ווייטער פארטגעזעצט. אלע מיטגלידער מוזען דורכאויס בעזיצען לעגיטימאציעס.

פון דער קולטור־קאמיסיע ביים ברית־החיל.

היינט, פרייטאג, דעם 24 ד. ח. 7 א זייגער אווענד קומט פאר א שיחות־חברים און א פרעסע־איבערבליק מיט דיסקוסיעס.

— מארגען, שבת 3 א זייגער נאכמ. קומט פאר א רעפעראט א. ד. ט.: „די סיבה פון שאפען א יודישען לעגיאן".

— די מפקדה פון ארטיגען ברית־חחיל פאדערט אויף אלע חברים אויס־צוקויפען תעודות. דער טערמין אויסצו־קויפען תעודות איז ביז'ן 1 לוטי ד.י.

פון ספארט - קלוב „בליסקאוויצא".

שבת, דעם 25 ד.ח. 9 א זייגער אווענד קומט פאר א פערוויילונגס - אווענד אין זאל פון קלוב, אגראדאווע 8.

אַרייַנגעוואָרפען א באָמבע אין דער טרוסקאַלאַסער שוהל.

אין שכנות'דיגען שטעדטיל טרוסקאַלאָס קומען שוין זייט א סך חדשים פאָר אָפטע בלוטיגע אָנפאַלען אויף די דאַרטיגע יודען. טאג-טעגליך ווערען אויסגעהאקט די שויבען אין די יודישע וואוינונגען, די יודישע הענדלער, וועלכע ציהען זייער חיונה פון די אַרומיגע דערפער ווערען זייט אַ לענגערע צייט אַהין נישט אַריינגעלאָזט, און ווען ס'בעוויזט זיך א יוד אין אַ דאָרף, ווערט ער צומזיק'ט דורך די כוליגאַנעס.

אַלע אינטערווענצען, וועלכע זענען דורך די דאַרטיגע יודען אונטערגענומען געוואָרען ביי דער אויפזיכטס-מאַכט אין טשענסטאכאָוו און דערנאָך אפילו אין אינערן-מיניסטעריום אין ווארשא, האָבען ביז יעצט נישט געבראכט קיין ממשות'דיגע רעזולטאטען; טראָץ דעם צוזאָג פון דער העכערער מאכט איז ווייטער נישטאָ קיין שום פאָליציי-פאָסטערונעק אין טרוסקאָלאס און די פערשידענע פערברעכער טוען אָב זייער שטיקעל ארבייט געגען די יודען נישט ווערענדיג פון קיינעם געשטערט.

נישט קיין וואונדער דעריבער, וואס די דאָזיגע העצע האט דערפיהרט צו מורא'דיגע רעזולטאַטען און געבראַכט דערצו, אַז מען זאָל וואַרפען א באַמבע אין א מקום-קדוש.

שבת-צו-נאַכט האַלב 9 א זייגער האָבען אונבעקאנטע פערברעכער אריינגעוואָרפען א באָמבע אין בנין פון דער דארטיגער שוהל און בית-המדרש, וואס איז א טייל פון דער שוהל. פון מורא'דיגען אויפרייס זענען געשפאלטען געווארען די ווענד פון בית-המדרש אין שוהל, אויסגעהאקט געווארען אלע שויבען, א טייל פון דאַך און סופיט זענען אראבגעריסען געווארען, טישען און די בענק זענען צושמעטערט געווארען. צום גליק האבען זיך נאָהנט פון געשעהעניש נישט געפונען קיין מענשען, א דאנק וואס ס'זענען אויסגעמיטען געווארען מענשליכע קרבנות.

צומארגענס זונטאג האט זיך פאר דער שוהל פערזאַמעלט אָ המון קריסטען, פון וועלכע א טייל האבען דורך די אויפגעהאקטע פענסטער אַריינגעוואָרפען אין דער שוהל שטיקער ציגעל און שטיינער, וואס זענען דאָרט געלעגען פון דעם בעשעדיגטען בנין. אויך אין דער וואוינונג פון רב, וואס געפינט זיך נעבען דער שוהל, האבען די כוליגאנעס אויפגעהאַקט די שויבען.

די פאָליציי פון נאָהנטען פאָסטערונעק אין פאַנקי האט אין צוזאַמענהאנג מיט די געשעהענישען אַרעסטירט דעם בעקאַנטען שלעגער און ענדעק יוזעף טשערפיאַל, וועלכער איז שוין מעהרערע מאָל געוועזן אַרעסטירט פאר אָנפאַלען אויף יודען.

די דאַרטיגע יודישע בעפעלקערונג לעבט אין גרויס שרעק און האט מורא פאָר ווייטערע פאָלגען.

געפרובט אונטערצינדען דאָס בית - המדרש אין מיעדזשנאָ.

דער קאָמענדאַנט פון פאָליציי-פאָסטערונעק אין דאָרף מיעדזשנאָ, נעבען טשענסטאָכאָוו, האט מאנטאג מיטגעטיילט די דאָרטיגע יודען, אַז לויט פערטרויליכע ידיעות, וועלכע ער בעזיצט גרייטען זיך געוויסע עלעמענטען אונטערצוצינדען דאס בית המדרש. ער האט דעריבער אויפמערקזאַם געמאכט די יודען, אַז זיי זאָלען היטען דעם דאָזיגען בנין און ער האט זיי אויך צוהילף געגעבען א פאָליציאַנט.

צומאָרגענס, דינסטאג בייטאג האבען די יודען בעמערקט, אַז פון פונדאַמענט פון אונטער'ן האָלצערנעם בית-המדרש זענען אויסגעריסען עטליכע ציגעל און אויף זייער אָרט זענען אַריינגעלעגט געוואָרען שמאַטעס בעגאָסענע מיט נאַפט, וואס זענען געווען אַדורכגעזאַפט מיט רויך.

ווי ס'זעהט אויס איז טאָקי אונטערנומען געווארען א פרוב אונטערצוצינדען דאס בית-המדרש, נאָר דאס פייער איז צום גליק אויסגעגאַנגען.

די פאָליציי פיהרט אַנ'אויספאָרשונג.

רעפעראַט פון אַפל.-אַדוו. קושעפיצקי וועגען לאַקאַטאַרען-שוץ און איין-קונפטס-שטייער.

זונטאג, דעם 19-טען יאנואר ד.י. איז פארגעקומען אינ'ם קלייןהענדלער-פעראיין (ב. יאַסעלעוויטשא 8) א רעפעראַט פונ'ם אפל.-אדוו. י. קושעפיצקי וועגען אַקטועלע געזעצען, ווי: דאס געזעץ פון לאקאטארען-שוץ, „פאַדאַטעק לאָקאַלאָווי" און די ענדערונגען אינ'ם „פאַדאַטעק דאכאדאווי".

די בעריהרטע פראגען האבען ארויסגערופען א פערשטענדליכען אינטערעס, וואס ס'האט בעוויזען די גרויסע צאהל פערזאמעלטע, וועלכע האט דערגרייכט ביז א צאהל פון איבער 200 פערזאָן.

דער רעפערענט האט גענוי בעלויכטען אלע ענדערונגען, וועלכע זענען איינגעפיהרט געווארען אין די אויבענדערמאהנטע געזעצען און האט אנגעוויזען אויף די ספקות און שטרייטען, וועלכע זיי האבען ארויסגערופען — הויפטזעכליך דאס געענדערטע געזעץ פון לאקאטארען-שוץ.

א ספעציעלע בעטראכטונג ווידמעט דער רעפערענט די פארשריפטען פונ'ם נאוועליזירטען געזעץ פון לאקאטארען-שוץ, וועלכע שליסען אויס פונ'ם לאקאמארען שוץ די גרעסערע אינדוסטריעאון האנדעלס אונטערנעהמונגען, אריינרעכנענדיג אויך די האנדעלס-אונטערנעהמונגען פון דער 3-טער קאטעגאריע און רעדט ארום די בעמיהונגען פון די ווירטשאפטליכע ספערען און האנדעלס-ארגאניזאציעס צוריקצושטעלען דעם לאקאטארען-שוץ לגבי די האנדעלס-אונטערנעהמונגען פון דער 3-טער האנדעלס-קאטעגאריע.

דער רעפעראט, וועלכער איז געהאלטען געווארען אין א זעהר צוגענגליכער פארם איז דורכ'ן פערזאמעלטען עולם אויסגעהערט געווארען מיט א גרויסען אינטערעס אין פערלויף פון 2 שעה.

ווער איז?

ווייערא קאניעווסקא
און **פאול ברייטמאן**

אויף דער ביטע פון די פערזאמעלטע האט דער רעפערענט צוגעזאגט אפטער איינצוארדנען עהנליכע פארטראגען.

דער יודישער קאמבאטאנטען-פעראיין אין טשענסטאכאוו

האט דעם כבוד מודיע צו זיין זיינע מיטגלידער און סימפאטיקער, אז זונטאג, דעם 26 ד. ח., 4 א זייגער נאכמ. קומט פאר אין אייגענעם לאָקאַל, אַגראַדאָווא 4, א רעפעראט פון ד"ר אַקסער א. ד. ט.: „אונזער אידעאָלאָגיע".

אלע מיטגלידער דארפען אומבעדינגט צו זיין אנוועזענד.

מיט **ווייערא קאניעווסקא**
און **פאול ברייטמאן**

קומט מיט אנ'ערשטקלאסיגער ארטיסטען-צוזאמענשטעל

פון „עקיבא".

פויריגען זונטאג איז פארגעקומען אנ'אסיפה פון גאנצען קן געווידמעט דער געזעגענונג פון ח' בראט צו זיין אבפאהר אין קבוץ. 8 א זייגער אווענד איז פארגעקומען א ראפארט נאכ'ן אבזינגען „התקוה" איז געהאלטען געווארען א רעפעראט אין צוזאמענהאנג מיט'ן איבערגעבען דעם פאהן דעם חבר דוב ציטערמאן. דאס איבערגעבען דעם פאהן איז פארגעקומען זעהר פייערליך, עס האבען דאן ארויסגעטרעטען מיט רעפעראטען די ח"ח: פישפאן, ציטערמאן און גאלדמאן. ח' רייזמאן האט דורכגעלעזען א שיר, וועלכען ער האט אליין פערפאסט צום אבפאהר פון ח' בראט. מען האט זיך דאן אריינגעלאזט אין א פרעהליכער „הוירא" אין מיטען אבזינגען „התקוה" האט זיך די אספה פערענדיגט.

— מארגען, שבת, דעם 25 ד. מ. 8 א זייגער אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל אנ'אקאדעמיע געווידמעט דעם 100-טען געבורטס-טאג פון מענדעלע מוכר ספרים.

ווייערא קאניעווסקא
פאול ברייטמאן

זענען די איינציגע אפערעטען-קינסטלער אין פוילען

אכטונג „זשוב"!

שבת, דעם 25 ד. ח. וועט פארקומען דער צווייטער פארטראג פון דער קולטורעלער סעקציע פון אונזער פעראיין א.ד.ט.: „די פוילישע מלכים און יודען" געהאלטען דורך דר. הירשבערג. דער פארטראג קומט פאר 7 אווענד אין לאקאל פון פעראיין.

פון לעדער-צעך.

אויף דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג איז די פערוואלטונג אויסגעוועהלט געווארען אין פאלגענדען צוזאמענשטעל.

סטארשי ה' ה. פרייערמויער. פאדסטארשעס: מ. בערמאן, א. דארפגאנג און ח. ווינהאלץ.

פערוואלטונג: אברהם דזיאלאווסקי, איצעק דזיאלאווסקי, א. יארקאווינא, משה דזיאלאווסקי, גליקערמאן, אויאזד, רזאנשינסקי, פייסאון פיש.

אָריגינעלער אופן פון פראָטעסט געגען דעם יקרות אויף עלעקטרישען שטראָם.

דינסטאג אין אווענד זענען די צאהלרייכע דורכגעהער פון דער צווייטער אלעע געווארען אויפמערקזאם אויף די שוי-פענסטער פון געוועלב פון דער בילצער מאנופאקטור-פאבריק „קאראל יאנקאווסקי און זוהן", וואס געפינט זיך אין דער צווייטער אלעע 27.

אין די דאזיגע שוי-פענסטער זענען אין ספעציעלע מיט זאמד אנגעפולטע בלומען-טעפ געווארען אריינגעשטעלט גרויסע אנגעצינדענע ליכט. די בלומען-טעפ זענען געווען איינגעהילט אין ווייס-שווארצע קרעפע און געשאפען דעם איינדרוק פון טרויער-ליכט.

נעבען די דאזיגע ליכט איז געווען אויסגעלעגט אנ'אויפשריפט, וואס איז געוואָרען ספעציעל געדרוקט מיט פאלגענדען אינהאלט:

„נישט קאנענדיג געניסען פון דעם טייערען עלעקטרישען ליכט, וועלכעס ווערט ביי אונז אין שטאדט נישט ביליגער, טראץ דעם, וואס אלע פראדוקטען זענען געווארען ביליגער, זענען מיר געצווינגען צו רעזיגנירען פון עלעקטרישער בעלייכטונג אין די שויפענסטער".

די עלעקטרישע בעלייכטונג אין די שוי-פענסטער איז ווירקליך געווען אויסגעלאשען. עס האבען נור געברענט קליינע ליכטלעך און אינעווייניג אין געוועלב האט געברענט א מינימאלע עלעקטרישע בעלייכטונג.

ווייערא קאניעווסקא
פאול ברייטמאן

טרעטען אויף בלויז 1 מאָל

Stowarzyszenie Przemysłowców i Kupców
w Częstochowie, Aleja Wolności 3 - 5.

W NIEDZIELĘ, dn. 26 stycznia r. b. o godz. 8-30 wiecz. odbędzie się w lokalu Stowarzyszenia

Nadzwyczajne Walne Zgromadzenie członków

poświęcone palącej sprawie **nowelizacji zniesionej ustawy o ochronie lokatorów** w kierunku rozciągnięcia ustawy na wszystkie lokale handlowe i przemysłowe. Ponadto Radca prawny Stowarzyszenia Adwokat Marjan HASSENFELD wygłosi referat n. t. „Aktualne Zagadnienia Podatkowo-Prawne".

יודישער טאפעצירער, בערשטען-און שטריק-מאכער-צעך

דאָנערשטאָג, ד. 30 יאנואר 7 אָווענד אין אייגענעם לאָקאַל, אלעע 12

קומט פאָר די

יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהלען פון א פרעזידיום, 3) לעזען דעם פאָריעהריגען פראטאָקאָל, 4) טעטיגקייטס-בעריכט, 5) קאסע-בעריכט, 6) בעשטעטיגען דעם בודזשעט אויף יאהר 1936, 7) וואהלען פון די אָבטרעטענדע פערוואלטונגס-מיטגלידער, 8) פרייע פאָרשלאגען

יודישער מעטאַל-צעך.

זונטאג, ד. 26 יאנואר 3 נאָכמיטאג אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 12

קומט פאָר די

יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהלען פון פרעזידיום, 3) לעזען דעם פראָטאָקאָל פון דער פאריעהריגער פערזאַמלונג, 4) טעטיגקייטס-בעריכט, 5) קאסע-בעריכט, 6) בעשטעטיגען דעם בודזשעט אויפ'ן 1936 י., 7) וואהלען פון די אָבטרעטענדע פערוו.-מיטגלידער, 8) פרייע פאָרשלאגען.

פון ספאָרט

„מכבי" — „נורדיה" 3:11.

פערג. זונטאג אווענד זענען אין זאל פון „מכבי" פארגעקומען באָקס-קאַמפען צווישען סאסנאוויצער ספארט - קלוב „נורדיה" און היגען „מכבי". די קאַמפען הויבען זיך אָן מיט א היבשער פערשפעטיגונג, וואס עס דענערווירט שטאַרק דעם צאהלרייך פערזאַמעלטען עולם און דאס איז געוויס גורם, וואס באַלד דער ערשטער קאַמף הויבט זיך אָן מיט אונגעוועהנליכע געשרייען און פייפערייען און אזוי דויערט עס שוין ביז'ן לעצטען קאַמף.

דער היגער „מכבי" האט אין דער „נורדיה" געהאט א זעהר שטאַרקען געגנער. די סאסנאוויצער קעמפען אַמביציעז און מיט א סך דויערהאַפטיגקייט און זענען אויך טעכניש נישקשה'דיג אויסגעשולט.

די מכבי-מאנשאפט בעשטעהט איצט פון א סך פרישע כחות, וועלכע זענען פיזיש פעסט ענטוויקעלט און פערמאגען אלע וואלאָרען אויף גוטע באָקסער. עס פעהלט זיי אבער נאָך טעכנישע אויסשולונג און זיי קעמפען כאַאָטיש, פון וואס די קאַמפען פאלען אויס נישט שעהן. מאַנכע קאמפען דערמאנען אפילו געוועהנליכע גאַסען-געשלעגען. אנ'אויסנאַהם זענען געווען כוואַט און גראַנעק, וועלכע האָבען מיט זייער אַרט קעמפען אלעמען איבערראַשט און געוויזען, אז זיי זענען באָקסער נישט פון היינט.

די רעזולטאטען פון די קאַמפען זענען פאַלגענדע:

אלעקסאנדראוויטש (מ) קעמפט מיט דעם טעכניש-בעסערען דאַטנער-2 (נ). אלעקסאנדראָוויטש קעמפט מיט א סך אַמביציע, אבער כאַאָטיש און אָהן שום אויסרעכנונג. זיינע קלעפ פאלען אין געגנער'ס הענדשקעס אדער טרעפען איבערהויפט נישט. דאטנער האט א בעדייטענדע איבערמאכט אין דער צווייטער און דריטער רונדע און זיעגט אויף פונקטען.

א סיורפריז פאר אלעמען איז געווען דער קאַמף כוואַט (מ) מיט דעם זעהר גוטען אייכעל (נ), וועלכער איז אָהן צווייפעל דער שענסטער קאַמף פון אווענד. דער קאַמף איז א לעבהאפטער פון אָנהויב ביז'ן סוף. כוואט דיספאָנירט מיט פערשידענאַרטיגע קלעפ. ער האט אין דער צווייטער און דריטער רונדע א בעדייטענדע איבערמאכט און זיעגט איבערצייגענד אויף פונקטען.

דער קאַמף ווינדמאן (מ) — דיאַמענט (נ) פאלט אויס נישט שעהן. ווינדמאן ציעלט צו א ענג-קאַמף און קלאַמערט זיין געגנער אָפט ארום. ער קעמפט איבערהויפט אויף בלינד און קלאַפט וואו עס לאזט זיך. ער בעקומט א וואָרנונג פאר נישט ריכטיג קעמפען. ווינדמאן זיעגט אויף פונקטען.

דער פיזיש-שטארקערער דיאָמענט (מ) קעמפט מיט דאַטנער-1 (נ). דיאמענט פערמאגט א סך גוטע וואלאָרען, ער איז אבער נאך א יונגער באָקסער און בעזיצט ווייניג טעכניק. דיאמענט האט א קנאַפען איבערמאכט אין דער ערשטער און דריטער רונדע און זיעגט אויף פונקטען.

א שעהנעם קאַמף האט אונז געוויזען גראַנעק (מ) מיט דעם זעהר גוטען אַבראַהאַם (נ). אַבראַהאַם דיקטירט פון סאמע אנהויב א זעהר שנעלען טעמפאָ און ציעלט צום ענג-קאַמף. גראנעק, וועלכער איז אבער שוין א רוטינירטער באָקסער און האט א גוט אויג, נוצט אויס זיינע לאַנגע הענד, האלט זיין געגנער פון דערווייטענס און לאַזט איהם נישט צו צום פסוק. אפילו פון דער נאהנט גיט זיך גראנעק אנ'עצה מיט דעם טעכניש גוט-אויסגעשולטען אַבראַהאַם. דער קאַמף איז א לעבהאפטער און ענדיגט זיך אונענטשידען.

כליוונער (מ) בעזיעגט קנאַפ אויף פונקטען העלמאַנ'ען (נ).

קאַנטאָר (מ) קעמפט מיט פאַטאַק'ן (נ).ביידע בעזיצען ווייניג ספאָרטליכע ערציהונג. באַלד אין דער ערשטער רונדע בעקומט פאַטאַק א וואָרנונג פאר א נישט-דערלאזבאַרען קלאַפּ, צוליעב וואס ער פיהלט זיך בעליידיגט און פערלאזט דעם רינג. קאנטאר דערגרייכט אזוי-ארום 2 פונקטען פאר'ן „מכבי".

עמקא.

„דער קאבארעט-זינגער"

איז א מעלאָדישע אָפערעטע מיט 20 געזאנג-נומערן

ווייערא קאניעווסקא
פאול ברייטמאן

האבען גאסטראלירט אין אלע וועלט-טיילען וואו מען שפיעלט נאר יודיש טעאטער

פינג-פאָנג-מייסטערשאַפטען.

פערג. שבת איז פארגעקומען דער לעצטער פינג-פאנג-מעטש פון דער ערשטער רונדע וועגען דער מייסטערשאפט פון טשענסטאכאָוו - ראַדאַמסקער קרייז צווישען ארבייטער-ספאָרט קלוב „בליסקאוויצא" און „מכבי". נאך א זעהר שעהנעם און ענערגישען קאַמף איז דער מעטש פערענדיגט געווארען מיט א גרויסען נצחון פאר „בליסקאוויצא" 1:9.

א דאַנק דעם לעצטען רעזולטאט האט דער א.ס.ק. „בליסקאוויצא" דערגרייכט דאס ערשטע אָרט אין דער רונדע.

זונטאג, דעם 19 ד. ח. איז פארגעקומען אין לאָקאַל פון „בליסקאוויצא" א פינג-פאָנג-מעטש פון די בעסטע קרעפטען אין טשענסטאכאָוו. עס האבען געשפילט צוויי מאַנשאַפטען „טעאַם-אַ" און „טעאָם-בע". דער מעטש האט זיך געענדיגט מיט'ן נצחון פון „טעאם-אַ" 2:8. אויסגעצייכענט האבען זיך הערשליקאָוויטש — דער מייסטער פון טשענסטאָכאָוו, שפּאַרן און דראַזשדזיק.

Kino „LUNA"

פרייטאג ד. 24 שבת ד. 25 זונטאג ד. 26

אויף דער סצענע וועט אויפטרעטען

אויגעניוש באָדאָ

אין נייעסטען רעפערטואר.

אויסערדעם אויפ'ן עקראן: דער שענסטער פילם

פון אויגעניוש באָדאָ

JASNIE PAN SZOFER

באָדאָ'ס אויפטריטען קומען פאָר צווישען די סעאנסען.

KINO „EDEN".

היינט פרייטאג און מאָרגען שבת צום לעצטען מאל

קונסטווערק פון שוידערליכקייט און אונגעוועהנליכקייט!

Gabinet figur woskowych.

איבאר'ן פראגראַם:

קלאָנג = צוגאַבען.

אַלע! גאַנץ טשענסטאָכאָוו!

קומען מקבל-פנים-זיין די קינסטלער

ווייערא קאניעווסקא
פאול ברייטמאן